ספר

# נעימות אליעזר

## על התורה

ומועדים

# משפטים ~ שקלים

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא אָן, אז ווען עס וועט אָן קומען א דין תורה צו בית דין, דעמאלט'ס דארף בית דין קענען האבן די ריכטיגע געדולד: "דַּן" צו זיין דעם משפט אויף גאר א פונקטליכ'ן אופן, כדי אז עס זאל טאקע ארויס קומען די אמת'ע "גערעכטיקייט" פון דעם משפט, און טאקע וועגן דעם זאגט אונז דא דער הייליגער תורה הק' דעם לשון: אֲשֶׁר "תָּשִׂים" לִפְנֵיהֶם – וואס דו וועסט לייגן פאר זיי, ווייל די חיוב ארויס צו ברענגען די "גערעכטיקייט" פון דעם משפט ליגט אויפן "בית דין", ווייל זיי דארפן זיכער מאכן אז עס זאל ארויס קומען די "גערעכטיקייט" פון דעם משפט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת שופטים (קפיטל ט"ז פסוק י"ח), אז דער אייבערשטער האט געהייסן די דיינים פון כלל ישראל, אז: וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט "צֶדֶק" – אז "זיי" מוזן פסק'נען דעם דין תורה מיט "גערעכטיקייט", ווייל די חיוב נאך צו לויפן דעם ענין פון "גערעכטיקייט" ליגט אויף "בית דין", און נישט אויף איינעם אנדערש, און דאס איז בנוגע א "דין תורה".

אבער יעצט זאגט דער הייליגער תורה הק' א פָּאר ווערטער פאר "דיר", און דער הייליגער תורה הק' זאגט "דיר" דא יעצט, אז: "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" – אז דו האסט אויך א חיוב נאך לויפן די "גערעכטיקייט" אין א יעדן מצב וואו דו געפונס'ט זיך נאר, ווייל דאס איז דאך די מדה פון דעם אייבערשטן, "גערעכטיקייט און גלייכ'קייט".

און די סיבה פארוואס דער אייבערשטער איז אזוי שטארק מקפיד אויף דעם ענין פון "גערעכטיקייט" איז, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז עס שטייט דאך שוין בפירוש אין פסוק אין פרשת האזינו (קפיטל ל"ב פסוק ד'), אז א יעדע יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז דער אייבערשטער איז דאך א: "אֵ-ל אֱמוּנָה" – אז דער אייבערשטער איז דאך א באגלייבט'ער גאט, און: "וְאֵין עָוֶל" – און ער טוט דאך נישט קיינמאל קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, נאר פארקערט, דער אייבערשטער איז א: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – דער אייבערשטער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און: כִּי כָל דְּרָכָיו "מִשְׁפָּט" – און אלע זיינע וועגן זענען דאך איין שטיק "גערעכטיקייט", און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך קלאר אין פרשת לך לך (קפיטל י"ד פסוק י"ח), אז: "וּמַלְכִּי צֶדֶק" – אז "א קעניג וואס פירט זיך מיט גערעכטיקייט און גלייכ'קייט".. דאס איז דער גרויסער: "מֶלֶךְ שָׁלֵם" – דאס איז דער גרויסער שלימות'דיגער: "מֶלֶךְ שֶׁהַשָּׁלוֹם שֶׁלוֹ".

און חוץ פון דעם וואס דער אייבערשטער טוט נישט קיינמאל קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, האט דאך דער אייבערשטער אויך גאר שטארק ליב די "גערעכטיקייט", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע בפירוש א יעדן טאגביים דאווענען, אז דער אייבערשטער איז א: "מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט", און דער אייבערשטער האט גאר שטארק ליב "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט", ווייל דאס איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער קען נישט פאר נעמען קיין פאלטש'קייט, און דער אייבערשטער קען נישט פאר נעמען קיין קרומ'קייט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין דער הייליגער תורה הק' אין פרשת האזינו (קפיטל ל"ב פסוק ד'), אז דער אייבערשטער איז א: צַדִּיק "וְיָשָׁר" הוּא – אז דער אייבערשטער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און ער בא'עוול'ט נישט ח"ו קיינעם, און וויבאלד דער אייבערשטער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, ממילא וועגן דעם "פארלאנגט" ער פון אונז אז מיר זאלן אויך זיין גלייכע מענטשן און זיך פירן בלויז מיט "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט".

און דער אייבערשטער האט דאך שוין טאקע געזאגט פאר אברהם אבינו אין פרשת וירא (קפיטל י"ח פסוק י"ט), אז: "כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו" – אז איך ווייס דאך שוין פון יעצט אז אברהם אבינו וועט אויס לערנען פאר זיינע קינדער און אייניקל'עך דעם: "דֶּרֶךְ יהו-ה", און: "וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ יהו-ה" – און זיי וועלן אלע אפ היטן דעם: "דֶּרֶךְ יהו-ה", אבער וואס איז די: "דֶּרֶךְ יהו-ה"..?! וועגן דעם פירט אויס דארטן די פסוק ווייטער, און די פסוק זאגט אונז דארטן, אז די: "דֶּרֶךְ יהו-ה" איז, איין זאך, און דאס איז: "לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט" – צו טוהן: "צְדָקָה" און "גערעכטיקייט".

ווייל.. יא, דאס איז די: "דֶּרֶךְ יהו-ה", די: "דֶּרֶךְ יהו-ה" איז: "צֶדֶק וּמִשְׁפָּט", און ווען א יודיש קינד פירט זיך אויף מיט "גערעכטיקייט" און מיט "גלייכ'קייט" מיט א צווייטע יוד, און ער העלפט ארויס א צווייטע יוד, מאכט ער דעמאלט'ס מיט דעם גרויס: "תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל", ווייל דאס איז דאך אונזער קרוין, אז מיר טוען נישט קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, און אז מיר פירן זיך אויף איידל און שיין, און אז מיר טוען נישט באזייטיג'ן קיינעם, און.. יא, דאס איז א יודיש קינד..! א יודיש קינד סימבאלאזירט איידל'קייט און גערעכטיקייט, און א יודיש קינד סימבאלאזיט: "צֶדֶק וּמִשְׁפָּט".

און וויבאלד דער אייבערשטער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און ער פירט זיך שטענדיג: "בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט", ממילא וועגן דעם "מוזן" מיר דאך אויך זיין גלייכע מענטשן און זיך פירן מיט "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט", און מיר טארן נישט ח"ו בא'עוולה'נען קיין שום אנדערע מענטשן, ווייל דער אייבערשטער האט דאך אונז שוין אלע באפוילן מיט די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו" – אז א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג גיין אין די וועגן פון דעם הייליגן באשעפער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת כי תבוא (קפיטל כ"ח פסוק ט'), אז א יודיש קינד איז באפוילן געווארן מיט די מצוה פון: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו", און א יודיש קינד האט דאך א חיוב גמור נאך צו גיין די וועגן פון דעם הייליגן באשעפער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת ראה (קפיטל י"ג פסוק ה'), אז: "אַחֲרֵי יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ" – אז עס איז דא א חיוב גמור אויף א יודיש קינד נאך צו גיין די וועגן פון דעם הייליגן באשעפער.

און וויבאלד דער אייבערשטער טוט דאך נישט קיינמאל קיין שום עוולה'ס פאר קיין שום מענטש, ממילא וועגן דעם טארן מיר אויך נישט קיינמאל בא'עוולה'נען קיין שום מענטש, ווייל דאס איז דאך נישט די דרכים פון דעם אייבערשטן, און מיר "מוזן" דאך אלע גיין אין די וועגן פון דעם אייבערשטן, ווייל מיר זענען דאך יודישע קינדער, און ממילא וועגן דעם מוזן מיר זיך דאך אויך שטענדיג פירן: "בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט" פונקט אזוי ווי אונזער הייליגער טאטע אין הימל.

און דער הייליגער באשעפער זאגט דאך אונז שוין טאקע קלאר אָן אין פרשת קדושים (קפיטל י"ט פסוק ל"ה), אז: "לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט בַּמִּדָּה בַּמִּשְׁקָל וּבַמְּשׂוּרָה" – אז א יודיש קינד טאר קיינמאל נישט טוהן קיין שום עוולה'ס פאר זיין חבר, נאר: מֹאזְנֵי "צֶדֶק" אַבְנֵי "צֶדֶק" אֵיפַת "צֶדֶק" וְהִין "צֶדֶק" יִהְיֶה לָכֶם – נאר אלע דיינע כלים וואס דו פארמאגס'ט נאר דארפן אלעמאל זיין אויס געהאלטן לויט די כללים פון "גערעכטיקייט" און גלייכ'קייט", און אלע דיינע כלים וואס דו פארמאגס'ט נאר פאר דיין פרנסה דארפן אלעמאל זיין אויס געהאלטן לויט די כללים פון "גערעכטיקייט" און גלייכ'קייט", און יעדע ריר וואס דו טוס'ט נאר: "בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ" דארף אויך אלעמאל זיין אויס געהאלטן לויט די כללים פון "גערעכטיקייט" און גלייכ'קייט".

און וויבאלד דער הייליגער: יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם "אֱמֶת" האט דאך ממש יעצט גע'ענדיגט געבן דער הייליגער תורה הק' פאר די יודישע קינדער, וואס דער הייליגער תורה הק' ווערט דאך אָן גערופן: "תּוֹרַת אֱמֶת", ממילא וועגן דעם האט ער גלייך אָן געהויבן די קומענדיגע פרשה מיט די ווערטער: וְאֵלֶּה "הַמִּשְׁפָּטִים" אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם – אז דאס זענען די גערעכטיקייטן וואס דו זאלסט לייגן פאר די יודישע קינדער, ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט ווייזן מיט דעם פאר די יודישע קינדער, אז א יודיש קינד דארף זיך

מדבק זיין: "בדרכיו של הקדוש ברוך הוא", און פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער איז א אמת'ער: "פּוֹעֵל אֱמֶת שֶׁפְּעֻלָּתוֹ אֱמֶת", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" איז דאך: "אֱמֶת", אזוי אויך דארפן מיר אויך זיין אמת'ע מענטשן און גלייכע מענטשן, און זיך בלויז פירן מיט "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט".

און דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא אין די וואכעדיגע פרשה, אז דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו גלייך נאך מתן תורה, אז: וְאֵלֶּה "הַמִּשְׁפָּטִים" אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם – אז די ענין פון "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט" זאלסטו פָאר לייגן פאר די יודישע קינדער, און דו זאלסט זיי אויס לערנען וואס דאס מיינט: "מִשְׁפָּט", און דו זאלסט אויס לערנען פאר די יודישע קינדער וואס דאס מיינט אז א יודיש קינד דארף זיך שטענדיג פירן: "בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט", ווייל יא ר' יוד, א יודיש קינד דארף זיך דאך שטענדיג פירן מיט די מדה פון "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט", און א יודיש קינד דארף זיין גרייט "מלחמה" צו האלטן צו טוהן וואס עס איז ריכטיג.

און מיר האבן דאך שוין דערמאנט אין פרשת כי תצא א מורא'דיגע ווארט בנוגע דעם ענין אז א מענטש דארף זיין גרייט "מלחמה" צו האלטן צו טוהן וואס עס איז ריכטיג, און לתועלת הרבים וועלן מיר דאס יעצט נאך אמאל אראפ ברענגען, און דאס איז, אז מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז פרשת שופטים ענדיגט זיך דאך מיט די ווערטער: "כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יהו-ה", און די קומענדיגע פרשה פרשת כי תצא הייבט זיך דאך אָן מיט די ווערטער: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ" וגו', דארף מען דאך אבער לכאורה פארשטיין, אז וואס איז די שייכות צווישן די ווערטער פון: "כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יהו-ה" וואס עס שטייט סוף פרשת שופטים מיט די ווערטער פון: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ" וואס עס שטייט אנהייב פרשת כי תצא..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פארוואס די ווערטער פון: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ" שטייט גלייך לעבן די ווערטער פון: "כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יהו-ה" איז, ווייל דער הייליגער תורה הק' וויל אונז דארט אויס לערנען מיט דעם, אז א יודיש קינד דארף "מלחמה" האלטן צו טוהן וואס עס איז ריכטיג..! און.. יא, די ענין פון: "תַּעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יהו-ה" דארפסטו זעהן מקיים צו זיין בכל עת ובכל זמן, ווייל דער אייבערשטער איז דאך א: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – ווייל דער אייבערשטער איז דאך א גערעכט'ער און א גלייכער גאט וואס פירט זיך דאך שטענדיג מיט: "יוֹשֶׁר", און ממילא וועגן דעם דארפסטו דאך אויך זעהן זיך צו פירן מיט: "יַשְׁרוּת" – מיט "גלייכ'קייט" און מיט "גערעכטיקייט", און דו דארפס'ט "לוחם" זיין זיך צו פירן: "בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר".

און דער אייבערשטער איז דאך די "מקור" פון גערעכטיקייט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק, אז: "צֶדֶק וּמִשְׁפָּט" מְכוֹן כִּסְאֶךָ וגו', און דאס פארלאנגט דאך דער אייבערשטער פון א יעדע יודיש קינד, אז וואס..?! אז: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו" – אז דו זאלסט גיין אין זיינע וועגן, איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז אין וועלכע וועגן זאל איך גיין..?! וועגן דעם זאגט אונז דא דער הייליגער תורה הק' ווייטער, אז: "כִּי כָל דְּרָכָיו" – אז די גאנצע דרך פון דעם אייבערשטן איז איין זאך, און דאס איז: "מִשְׁפָּט" – גערעכטיקייט, און אויב דער אייבערשטער זאגט דיר אז: "כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט" – און אויב דער אייבערשטער זאגט דיר אז אלע זיינע וועגן זענען מיט "גערעכטיקייט" און "גלייכ'קייט", דעמאלט'ס דארפסטו זיכער מאכן אז דו ביזט מקיים די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו" און דו פירס'ט זיך אויך מיט: "יַשְׁרוּת" און "גערעכטיקייט", ווייל: "חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא איז דאך: "אֱמֶת" – ווייל די זיגל פון דעם אייבערשטן איז דאך אמת'דיג קייט און גלייכ'קייט.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער דוקא אויס געקליבן דעם נאמען: "אֱמֶת" פאר זיין זיגל..?! פארוואס עפעס דוקא די ווארט: "אֱמֶת"..?! פונקט די נאמען: "אֱמֶת"..?! עס איז דאך דא אזוי פיל אנדערע הייליגע יסודות אין יודיש'קייט..?! עס איז דאך דא: "אֱמוּנָה", און עס

איז דאך דא: "בִּטָחוֹן", און עס איז דאך דא: "יִרְאַת שָׁמַיִם", פארוואס האט דער אייבערשטער פונקט אויס געקליבן דעם ענין פון: "אֱמֶת" אז דאס זאל זיין דער "חותם המלך"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די מציאות איז דאך, אז ווען א מענטש גייט נישט מיט דעם: "אֱמֶת", קען ער דאך דעמאלט'ס גאר אסאך קאליע מאכן, און די מציאות איז דאך, אז ווען א מענטש גייט נישט מיט דעם: "אֱמֶת", קען ער דאך דעמאלט'ס גאר אסאך שאדן מאכן פאר אנדערע מענטשן, און שפעטער קען ער דאך נאך צו קומען צו גאר אסאך אנדערע הארבע עבירות פון דער הייליגער תורה הק', און: "והמבין יבין בעצמו", ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג וויסן, אז: "אֱמֶת" איז די "יסוד" פון דעם לעבן פון א יודיש קינד, און א א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז נישט אלעמאל איז די אמת'ע פאקט ווי אזוי עס זעהט איהם אויס אין זיינע אויגן אויף די ערשטע מינוט, און נישט אלעמאל האט א מענטש רעכט צו פסק'נען ווי אזוי ער מיינט די ערשטע רגע, נאר א מענטש דארף גוט חוקר ודורש זיין דעם גאנצן ענין, און איינמאל ער איז דאס גוט נאך געגאנגען, ערשט דעמאלט'ס באקומט ער רעכט צו פסק'נען נאר על פי תורה, און נישט על פי זיין אייגענעם שכל.

און אויב א מענטש גייט שטענדיג אין די וועגן פון דעם אייבערשטן וואס דאס איז: "אֱמֶת צֶדֶק וּמִשְׁפָּט", דעמאלט'ס איז ער דאך א געבענטשט'ע מענטש, ווייל ער איז דאך דעמאלט'ס זוכה מקיים צו זיין די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו", און אויב א מענטש איז מקיים די הייליגע: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", דעמאלט'ס ברענגט ער דאך ארויף אויף זיך די גרעסטע ברכות, און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת ואתחנן (קפיטל ה' פסוק ל'), אז: "בְּכָל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוָּה יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם תֵּלֵכוּ" – אז אין די אלע וועגן וואס דער אייבערשטער האט ענק געהייסן גיין זאלט איר גיין, און דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "לְמַעַן תִּחְיוּן וְטוֹב לָכֶם וְהַאֲרַכְתֶּם יָמִים" – ווייל דורך דעם וועט איר זוכה זיין צו "אריכות ימים ושנים טובים", און דורך דעם וועט ענק גוט זיין, ווייל אויב א יודיש קינד גייט אין די וועגן פון דעם הייליגן באשעפער, דעמאלט'ס ווערט ער דאך געבענטש'ט מן השמים מיט אלע גוטע ברכות.

און די עיקר סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט דוקא געגעבן דעם נאמען: "אֱמֶת" פאר זיין חותם המלך (און נישט קיין אנדערע נאמען) איז געווען, ווייל דער אייבערשטער האט דאך גאנץ גוט געוואוסט, אז דער וועלט איז דאך א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר", אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין די ספרים הק', אז דער וועלט ווערט אָן גערופן א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר", און עס איז כדי אָן צו מערקן, אז די סיבה פארוואס דער וועלט ווערט אָן גערופן א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר" איז נישט ווייל דער אייבערשטער האט ח"ו באשאפן א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר", ניין ניין ניין, דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט פון: "צֶדֶק", נאר די סיבה פארוואס דער וועלט ווערט אָן גערופן א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר" איז, ווייל די מענטשן פון דער וועלט האנדלען נישט ריכטיג, און די מענטשן פון דער וועלט האנדלען פאלטש, און די מענטשן פון דער וועלט גייען אָן מיט דעם: "שֶׁקֶר", און זיי גייען קרום מיט פאלטש'ע לגיונות, און ממילא וועגן דעם הייסט דער וועלט א: "עוֹלַם הַשֶּׁקֶר".

ווייל.. יא, מענטשן ווילן נישט איין זעהן היינטיגע צייטן דעם: "אֱמֶת", נאר מענטשן ווילן אָן גיין היינטיגע צייטן מיטן: "שֶׁקֶר" און פאר דרייען דער הייליגער תורה הק' ח"ו, און טאקע וועגן דעם האט דער אייבערשטער דוקא געגעבן דעם נאמען: "אֱמֶת" פאר זיין הייליגן "חותם המלך", ווייל טאקע וויבאלד עס הערש'ט היינטיגע צייטן אזא שוואכ'קייט אין דעם ענין פון: "אֱמֶת" און מענטשן גייען אָן היינטיגע צייטן מיט גאר אסאך פאלטש'ע לגיונות, ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער געגעבן א נאמען פאר זיין זיגל: "אֱמֶת", ווייל דער אייבערשטער האט אונז געוואלט ווייזן מיט דעם, אז די ריכטיגע וועג ווי אזוי א מענטש דארף לעבן איז, מיטן: "דֶּרֶךְ הָאֱמֶת", און נישט ח"ו ווערן פארקויפט פון די אלע פאלטש'ע הבלי עולם הזה וואס שלעפן אראפ דעם מענטש אין דעם תהום אריין, נאר גיין מיטן זיגל פון דעם הייליגן

באשעפער וואס דאס איז: "אֶמֶת", בכל אופן ובכל מקום ובכל זמן ובכל ענין, ווייל: "מֹשֶׁה אֱמֶת" – ווייל א: "צַדִּיק" איז נאר אויס דרוק'לעך אזא איינער וואס איז צו געבינדן צום: "אֱמֶת" מיט אייזענ'ע קייטן.

און דער ענין פון: "אֱמֶת" איז דאך טאקע גאר שטארק נוגע פאר א מענטש וואס איז עוסק אין "האנדלען", ווייל ווען א מענטש איז עוסק איז "מסחר", דארף ער דאך דעמאלט'ס שטענדיג געדענקען מיט א שטארקייט, אז אפילו ווען איך האנדל מיט שווערע הונדערט'ער טויזנט'ער דולאר'ן, וועל איך אבער קיינמאל נישט אוועק גיין פון דעם: "אֱמֶת" און אָן הייבן צו האנדלען פאלטש ח"ו, נאר פארקערט, איך וועל קונה זיין דעם: "מִדַּת הָאֱמֶת" פאר א קנין נצחי, און אפילו ווען איך האנדל מיט שווערע הונדערט'ער טויזנט'ער דולאר'ן, וועל איך אבער נאך אלץ נישט פאר דרייען מיינע וועגן ח"ו און זיך פירן: "בְּדֶרֶךְ הַשֶּׁקֶר" וואס איז דאך די היפוך פון: "חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא".

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין שפתי צדיקים, אז דער הייליגער רבי רבי זוסיא פון אניפאלי זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט זיך אמאל אָן גערופן און געזאגט, אז "איך פָּאר נישט צום הייליגן מגיד נאר צו זעהן ווי אזוי ער טוט אָן די זאקן און ווי אזוי ער טוט אויס די זאקן", נאר פאר דעם פָּאר איך צום הייליגן מגיד..! ווייל פון איין "תנועה" פון א: צַדִּיק "אֱמֶת" קען מען קונה זיין מער ווי ווען מען הערט גאנצע'טע תורות און גאנצע'טע דרשות פון א פשוט'ע יוד, ווייל ווען מען זעהט ווי אזוי א: צַדִּיק "אֱמֶת" דינט דעם אייבערשטן, פלאקערט דאך דאס דעמאלט'ס אויף דאס הארץ אין איין מינוט: "לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם", און די תוצאות פון דעם איז דאך אסאך אסאך גרעסער ווי גאנצע'טע תורות און גאנצע'טע דרשות פון א פשוט'ע יוד, ווייל ווען א: צַדִּיק "אֱמֶת" דינט דעם אייבערשטן, טוט ער דאך דאס דעמאלט'ס אויפן העכסט'ן מדריגה פון: "אֱמֶת".

און טאקע וועגן דעם ווערט א צדיק אָן גערופן א: צַדִּיק "אֱמֶת", ווייל די "שורש" ווי אזוי מען ווערט א: "צַדִּיק" איז, ווען מען פירט זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת וּבְמִדַּת הָאֱמֶת", ווייל נאר אזוי קען מען ווערן דבוק צום אייבערשטן וואס: "חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" איז: "אֱמֶת", און נאר אזוי קען מען ווערן דבוק אין דער הייליגער תורה הק' וואס ווערט אָן גערופן: תּוֹרַת "אֱמֶת".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ערשטע ווערטער פון דער הייליגער תורה הק', ווייל דער הייליגער תורה הק' הייבט זיך דאך אָן מיט די ווערטער: "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ" וגו', און די סופי תיבות פון די ווערטער: "בְּרֵאשִׁי**ת** בָּרָ**א** אֱלֹקִי**ם** אֵ**ת** הַשָּׁמַיִ**ם** וְאֵ**ת** הָאָרֶ**ץ**" – איז דאך גימטריא: "שֹׁרֶשׁ צ' מֵאֱמֶת" – די אמת'ע "שורש" פון א: "צַדִּיק" קומט נאר פון זיין הייליגע: "מִדַּת הָאֱמֶת", און ממילא וועגן דעם: "בְּרֵאשִׁית" – און ממילא וועגן דעם: "תִּשָּׂא רֶבִּי" – און ממילא וועגן דעם זאלסטו אויף נעמען א: "צַדִּיק" איבער דיר וואס זאל דיר באלייכט'ן דעם וועג, ווייל דער: "רֶבִּי" וועט דיר דאך שטענדיג פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און דער: "רֶבִּי" וועט דיר דאך צו האלטן מיט אייזענ'ע כוחות צו דעם הייליגן: "תּוֹרַת אֱמֶת", און אזוי.. וועסטו טאקע שטענדיג קענען זיין דבוק אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת".

און עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז דער הייליגער תורה הק' ענדיגט זיך דאך מיט די ווערטער: "מֹשֶׁה" לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, און די ערשטע ווערטער פון דער הייליגער תורה הק' איז דאך די ווערטער: "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים", און די ווערטער: "בְּרֵאשִׁי**ת** בָּרָ**א** אֱלֹקִי**ם**" – איז דאך סופי תיבות: "אֱמֶת", ווייל די פסוק וויל אונז דא מרמז זיין, אז: "מֹשֶׁה" – אז די סימן פון א צדיק: "לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל" – די סימן פון א צדיק אין די אויגן פון א פשוט'ע יוד איז: "בְּרֵאשִׁי**ת** בָּרָ**א** אֱלֹקִי**ם**" – אזא איינער וואס איז צו געבינדן צום: "אֱמֶת", ווייל: "שֹׁרֶשׁ צ' מֵאֱמֶת" – ווייל די אמת'ע "שורש" פון א: "צַדִּיק" קומט דאך נאר פון זיין הייליגע: "מִדַּת הָאֱמֶת".

און דער הייליגער ר' פינחס'ל קוריצ'ער זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך שוין טאקע אמאל געזאגט פאר איינער פון זיינע גרויסע תלמידים, אז אויב דו וועסט גיין מיטן: "אֱמֶת", דעמאלט'ס וועסטו נישט דארפן קיין שום מלמד, ווייל דיין "נשמה" וועט דיר לערנען אויב דו וועסט גיין מיטן: "אֱמֶת".

און דער הייליגער ר' פינחס'ל קוריצ'ער זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל פלעגט זיך שטענדיג קאכן אין א געוויסע שטיקל אין תנא דבי אליהו, ווייל עס ווערט דאך שוין געברענגט אין דעם הייליגן תנא דבי אליהו, אז אויב א מענטש איז זיך מקבל נאר צו רעדן: "אֱמֶת", געבט מען איהם דעמאלט'ס איבער א מלאך פון הימל וואס וועט איהם שטענדיג פירן: "בְּדֶּרֶךְ הָאֱמֶת", אבער אויב א מענטש רעדט ח"ו שטענדיג: "שֶׁקֶר", געבט מען איהם דעמאלט'ס איבער א מלאך פון הימל וואס וועט איהם שטענדיג פירן: "בְּדֶּרֶךְ הַשֶׁקֶר", און אויב רעדט ער אמאל: "אֱמֶת" און אמאל: "שֶׁקֶר", געבט מען איהם דעמאלט'ס איבער א מלאך פון הימל וואס וועט איהם פירן אמאל אזוי און אמאל אזוי.

און טאקע וועגן דעם האט דער הייליגער ר' פנחס'ל קוריצ'ער זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל געזאגט, א יעדע יודיש קינד דארף שטענדיג האבן "מסירות נפש" צו רעדן: "אֱמֶת", ווייל דעם קליינעם דיבור וועט דאך דיר פירן דיין גאנצע לעבן.

און לויט דעם פארשטייען מיר דאך שוין טאקע זייער גוט פארוואס די פסוק זאגט אונז די וואך אין די פרשה דעם לשון פון: "מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק", ווייל אויב א מענטש רעדט: "שֶׁקֶר", ברענגט ער דאך דעמאלט'ס אויף זיך א שלעכטע מלאך וואס וועט דאך איהם פירן: "בְּדֶּרֶךְ הַשֶׁקֶר", און ממילא וועגן דעם זאגט אונז דא די פסוק אָן פון פריער, אז: "מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק" – אז מיר זאלן זיך דער ווייטער'ן אפילו פון איין: "דיבור של שקר", ווייל אויב א מענטש רעדט: "שֶׁקֶר" חס ושלום, דעמאלט'ס ברענגט מען דאך איהם אראפ א מלאך פון הימל וואס וועט דאך איהם פירן: "בְּדֶּרֶךְ הַשֶׁקֶר".

און לויט דעם פארשטייען מיר דאך שוין אויך זייער גוט פארוואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די יודישע קינדער גלייך נאך מתן תורה די פרשה פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" וגו', ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט זאגן מיט דעם פאר די יודישע קינדער, אז עס איז אמת טאקע אז ענק האבן טאקע זוכה געווען מקבל צו זיין מיין הייליגער תורה הק', אבער וויסן זאלט איר, אז: "שֶׁקֶר" מיט מיין הייליגער "תורה" הק' גייט נישט צוזאמען.

ווייל מיין הייליגער "תורה" הק' איז דאך א: "תּוֹרַת אֱמֶת", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע ביי די ברכת עליה לתורה, אז: בָּרוּךְ אַתָּה יהו-ה אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ "תּוֹרַת אֱמֶת", און: "שֶׁקֶר" איז דאך פונקט דאס פארקערט'ע פון: "חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא "אֱמֶת", און נישט אומזיסט זאגן די ספרים הק' אז ווען א מענטש רייסט זיך אפ פון די: "שֶׁקֶר" פון די וועלט – ווען א מענטש רייסט זיך אפ פון די "הבלי עולם הזה" פון די וועלט.. דעמאלט'ס קען ער אסאך אסאך גרינגער קונה זיין דער הייליגער תורה הק' וואס איז דאך א: "תּוֹרַת אֱמֶת".

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז ער האט געזאגט פארן הייליגן באשעפער, אז הייליגער באשעפער, איך זאג דיר קלאר, אז: "דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי" – אז אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם שקר'דיגן וועג פון לעבן – אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם פאלטש'ן וועג פון לעבן, דעמאלט'ס: "וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי" – דעמאלט'ס וועל איך קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק' און דורך דעם ווערן דבוק צו דיר, אבער אויב נישט, דעמאלט'ס וועל איך נישט קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק', ווייל "תורה" מיט: "שֶׁקֶר" גייט דאך נישט צוזאמען, און תורה מיט קרומ'קייט גייט דאך אויך נישט צוזאמען.

און דער הייליגער סקולענ'ער רבי זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל פלעגט דאך טאקע שטענדיג נאך זאגן גאר א טייער ווארט פון זיין הייליגן טאטן דער הייליגער בעל נועם אליעזר מסקוליען זכותו יגן עלינו ועל

כל ישראל, און דאס איז, אז מיר זאגן דאך שוין אלע א יעדן טאג ביים דאווענען די ווערטער: "וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת" וכו', האט דער הייליגער סקולענ'ער רבי זצוק"ל געזאגט, און די ווארט: "מֵאִתְּךָ" איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "אֲמִתְּךָ", ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג בעטן דעם הייליגן באשעפער אז ער זאל איהם שטענדיג פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", סיי ברוחניות, און סיי בגשמיות, עד כאן דבריו הקדושים.

און: "אֱמֶת" – און אויב א מענטש פירט זיך שטענדיג: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס: "מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ" – דעמאלט'ס קען ער דאך זוכה זיין דורך דעם אויס געלייזט צו ווערן פון די גרעסטע "טומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, און: "בֶּאֱמֶת" – און אויב א מענטש גייט שטענדיג: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס: "לְעוֹלָם כִּי טוֹב" – דעמאלט'ס איז איהם שטענדיג גוט, און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי תחנון, אז: "כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ" – אז דער אייבערשטער טוט דאך שטענדיג נאר אמת'ע זאכן, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי קידוש לבנה, אז: "פּוֹעֵל אֱמֶת שֶׁפְּעֻלָּתוֹ אֱמֶת", און: "וַאֲנַחְנוּ הִרְשָׁעְנוּ" – און מיר זענען די וואס טוען שלעכטע קרומ'ע זאכן, און מיר זענען די וואס דארפן תשובה טוהן און מתקן זיין אונזערע מעשים.

און א יעדע יודישע מאמע זאגט דאך שוין טאקע קלאר ביי די תפילה לאחר הדלקת נרות של שבת קודש, אז מען קען נאר זוכה זיין צו זיין: "יִרְאֵי אֱלֹקִים" ווען מען איז: "אַנְשֵׁי אֱמֶת" – ווען מען איז א אמת'ע מענטש, און ווען מען איז דבוק צום: "אֱמֶת", און נאר דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו: "זֶרַע קֹדֶשׁ" – און נאר דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו הייליגע קינדער וואס זענען: "בַּיהו-ה דְּבֵקִים" – וואס זענען דבוק צום אייבערשטן, און נישט צו די אלע שטותים וואס די וועלט פארקויפט, און נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו זיין: "מְאִירִים אֶת הָעוֹלָם בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים" – און נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו זיין א: "צַדִּיק אֱמֶת".

און דער הייליגער באשעפער האט דאך פיינט: "שֶׁקֶר", אזוי ווי דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז דער הייליגער באשעפער זאגט, אז: "כָּל אֹרַח שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי" – אז א יעדע פאלטש'ע וועג האב איך פיינט, און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך ווייטער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי" – אז איך האב "פיינט" דעם מהלך פון: "שֶׁקֶר"..! און נישט סתם "פיינט", נאר: "וָאֲתַעֵבָה" – נאר איך בין גאר שטארק פאר מיאוס'ט פון דעם, אבער משא"כ: "תּוֹרָתְךָ" – אבער משא"כ דיין הייליגער תורה הק': "אָהָבְתִּי" – האב איך גאר שטארק ליב, ווייל דיין הייליגער תורה הק' איז דאך איין שטיק: תּוֹרַת "אֱמֶת".

און די אמת איז דאך, אז א יעדע זאך וואס איז נאר נאנט צום אייבערשטן ווערט בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "אֱמֶת", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז די הייליגע נביאים ווערן דאך אויך בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "נְבִיאֵי אֱמֶת", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע בפירוש א יעדן שבת קודש אינדערפרי ביי די ברכות פון הפטורה, אז דער אייבערשטער איז: בּוֹחֵר בַּתּוֹרָה וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ "וּבִנְבִיאֵי הָאֱמֶת" וָצֶדֶק, ווייל.. יא, א יעדע זאך וואס איז נאר נאנט צום אייבערשטן ווערט אויך בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "אֱמֶת", און אויב דו וועסט זיך אויך צו קלעבן צום אייבערשטן, און דו וועסט זיין דבוק צום אייבערשטן, וועסטו דעמאלט'ס אויך ווערן אריין גערעכנט אין דעם חלק פון: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב", און דו וועסט ווערן אפ געריסן פון די: "שֶׁקֶר" פון דעם נידריג'ן וועלט, און עס וועט מקיום ווערן ביי דיר דעם: נֶצַח יִשְׂרָאֵל "לֹא יְשַׁקֵּר", און גערדענק ר' יוד, אז.. יא, עס קען נאך געשעהן ביי דיר א נס אז: "וּפָרַח לוֹ אִישׁ הָאֱמֶת" – עס קען נאך געשעהן ביי דיר א נס אז עס זאל אויס וואקסן פון דיר א: "אִישׁ אֱמֶת".

און דער הייליגער תנא: "רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל" זאגט דאך אונז שוין טאקע אין די משנה אין אבות, אז: "עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד" – אז די וועלט שטייט אויף דריי זאכן, און די דריי זאכן זענען: 1) עַל

"הַדִּין", 2) און: "וְעַל הָאֱמֶת", 3) און: "וְעַל הַשָּׁלוֹם", אבער מען זעהען דא א מורא'דיגע זאך, ווייל מיר זעהען דאך דא, אז די "בריח התיכון" פון די קיום פון די וועלט איז, איין זאך, און דאס איז: "אֱמֶת".

און אויב עס איז: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב" – אויב פירט מען זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און מען גיבט אריין אביסעל'ע: "אֱמֶת" אין דעם יודיש קינד, דעמאלט'ס: "אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב" – דעמאלט'ס איז שוין נישט דא פון וואס מורא צו האבן, און מען זעהט דאך שוין טאקע קלאר ביי יעקב אבינו, אז ווען יעקב אבינו האט אָן געהויבן צו שפירן אז: קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל "הָאֱמֶת" – אז ווען יעקב אבינו האט אָן געהויבן צו שפירן ביי זיך אז איך האבן פארלוירן מיין: "מִדַּת הָאֱמֶת", דעמאלט'ס האט ער גלייך אָן געהויבן מורא צו האבן, און ער האט דעמאלט'ס גלייך געבעטן דעם אייבערשטן, אז: "הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו" – אז איך בעט דיר ראטעווע מיר פון די האנט פון מיין ברודער עשיו, ווייל: "כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ" – ווייל איך האב מורא פון איהם, ווייל איך האב דאך פארלוירן מיין: "מִדַּת הָאֱמֶת", אזוי האט על כל פנים יעקב אבינו געשפירט ביי זיך, אז ער האט פארלוירן זיין: "מִדַּת הָאֱמֶת".

און אויב מיר וועלן טאקע גיין: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס וועלן מיר טאקע שפעטער קענען בעטן דעם אייבערשטן, אז: "עֲנֵנִי" – ענטפער אונז: "בֶּאֱמֶת" – אין דעם זכות וואס מיר פירן זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און אין דעם זכות זאלן מיר שוין טאקע בקרוב קענען זוכה זיין צו: "יִשְׁעֶךָ" – צו דיין גרויסע הילף הייליגער גרויסער טאטע אין הימל.

און מיר בעטן טאקע ווייטער דעם הייליגן באשעפער, אז: "הַכֵּר נָא דְּבַר אֱמֶת" – אז מיר זאלן שוין טאקע זוכה זיין צו קענען דערקענען אין דעם נידריג'ן וועלט וועלכע זאך געהערט צו דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת", און וועלכע זאך נישט, ווייל נאר דורך: שְׁמִירַת "הַתּוֹרַת אֱמֶת", קען מען טאקע צו קומען צו זיין דבוק אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת", און נאר דורך: שְׁמִירַת "הַתּוֹרַת אֱמֶת", קען מען טאקע שפעטער צו קומען צו האבן א פנים אין דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת".

און מיר בעטן דאך שוין טאקע אלע דעם הייליגן באשעפער ביי די זמירות שבת קודש א יעדע פרייטיג צו נאכט'ס, אז: "וְתֵן בָּנוּ יֵצֶר טוֹב לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת" – אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א: "אֱמֶת", ווייל דורך דעם וואס א יודיש קינד דינט דעם הייליגן באשעפער מיט א: "אֱמֶת", שטארקט ער דורך דעם זיין כח היצר טוב איבער דעם כח היצר הרע, ווייל די גרעסטע: "גירא בעינא דסיטנא" – ווייל די גרעסטע פייל אין די אויגן פון דעם יצר הרע איז דאך ווען א יודיש קינד דינט דעם אייבערשטן מיט א ריינ'קייט, און טאקע וועגן דעם בעטן מיר אזוי פיל מאל דעם הייליגן באשעפער אז: "וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת".

און מען זעהט דאך שוין טאקע, אז דוד המלך עליו השלום בעט זיך צום הייליגן באשעפער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: יהו-ה הַצִּילָה נַפְשִׁי "מִשְּׂפַת שֶׁקֶר" – אז דער אייבערשטער זאל איהם ראטעווען פון די "שפראך" פון: "שֶׁקֶר", און מען דארף דא בא'צייכענען, אז דוד המלך עליו השלום האט נישט געבעטן דעם אייבערשטן אז: "יהו-ה הַצִּילָה נַפְשִׁי" – אז דער אייבערשטער זאל איהם ראטעווען: "מִדְּבַר" שֶׁקֶר – פון רעדן ליגענט, נאר דוד המלך עליו השלום האט געבעטן דעם אייבערשטן, אז: "יהו-ה הַצִּילָה נַפְשִׁי" – אז דער אייבערשטער זאל איהם ראטעווען: "מִשְּׂפַת" שֶׁקֶר – פון די "שפראך" פון: "שֶׁקֶר", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דוד המלך האט דא געבעטן דעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער זאל איהם ראטעווען פון "קרומ'קייט", און פון "פאלטש'קייט", און פון "עוולה'ס", ווייל דער אייבערשטער איז דאך א גלייכער גאט, און אלעס וואס גייט אריין אין דעם כלל פון "קרום" איז דאך מיאוס אין די אויגן פון דעם אייבערשטן, אזוי ווי מיר וועלן שוין שפעטער מער מאריך זיין בסייעתא דשמיא.

אבער על כל פנים.. דאס האט דער אייבערשטער דא גיזאגט פאר כלל ישראל, דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר כלל ישראל, אז עטץ זאלט'ס וויסן, אז דער וועלט איז דאך א: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", ווייל

מענטשן האנדלען דאך נישט ערליך אויף דער וועלט, און ממילא וועגן דעם דארפן ענק דאך וויסן פון פריער, אז מען מוז גיין מיט דעם: "דֶּרֶךְ הָאֱמֶת", ווייל ווען מען גייט מיט דעם: "אֱמֶת", דעמאלט'ס קומט מען אָן זייער ווייט, אבער משא"כ ווען מען גייט מיט דעם: "שֶׁקֶר", דעמאלט'ס קומט מען אין ערגעץ נישט אָן, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם" – אז: "שֶׁקֶר" האט דאך נישט קיין שום "קיום".

(און די זעלבע איז דאך אויך בנוגע דעם ענין פון "הבלי עולם הזה" וואס ווערט דאך אויך אָן גערופן: "שֶׁקֶר" כידוע, ווייל דאס האט דאך אויך נישט קיין שום "קיום", און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון: "שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם", ווייל די ווערטער: "**שֶׁ**קֶר **אֵ**ין **לוֹ**" – איז דאך ראשי תיבות: "אֵשֶׁל", און די ווארט: "אֵשֶׁל" – מאכט דאך: "**אֲ**כִילָה **שְׁ**תִיָּה **לִ**ינָה", ווייל.. יא, די אלע גשמיות'דיגע זאכן איז: "אֵין לוֹ רַגְלַיִם" – די אלע גשמיות'דיגע זאכן האט דאך נישט קיין שום "קיום").

און איינער וואס גייט יא אָן מיטן: "שֶׁקֶר", פאלט ער דעמאלט'ס סוף כל סוף אריין אין די הענט פון דעם יצר הרע, וואס די יצר הרע הייסט איהם שפעטער טוהן נאך הארבער'ע עבירות, און ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער אָן געווארענט די יודישע קינדער גלייך נאך מתן תורה, און ער האט זיי דא געזאגט גלייך נאך מתן תורה, אז איר זאלט זיך היטן פון: "שֶׁקֶר", און איר זאלט שטיין ווייט פון: "שֶׁקֶר", און איר זאלט זיך מדבק זיין אין מיין הייליגע מדה פון: "אֱמֶת וּמִשְׁפָּט", און איר זאלט נישט ח"ו טוהן קיין שום עוולה'ס פאר א צווייטן, ווייל עוולה'ס איז א סארט זאך וואס איך קען בשום אין אופן נישט סובל זיין, ווייל: "וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ" – ווייל ביי מיר איז דאך ניט אמאל דא אזא מושג ווי "עוולה'ס".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם", ווייל די ווערטער: "וְאֵלֶּ**ה** הַמִּשְׁפָּטִי**ם** אֲשֶׁ**ר** תָּשִׂי**ם** לִפְנֵיהֶ**ם**" – איז דאך סופי תיבות: "מִמְרְמָה" – פון: "שֶׁקֶר", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר די יודישע קינדער גלייך נאך מתן תורה, אז איר זאלט זיך היטן פון: "שֶׁקֶר" און פון פאלטש'קייטן, ווייל איר זאלט וויסן, אז די: "שֶׁקֶר" איז: "לִפְנֵיהֶם" – די: "שֶׁקֶר" געפונט זיך גלייך פאר ענק, ווייל די גאנצע וועלט וואו ענק געפונען זיך איז דאך איין גרויסע: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", און מענטשן טוען דאך אזוי פיל עוולה'ס אויף דער וועלט היינטיגע צייטן, און טאקע וועגן דעם זאג איך אייך קלאר אָן אז איר זאלט זיך זעהן אפ צו היטן פון די: "שֶׁקֶר" פון דער וועלט, ווייל טאקע וויבאלד די: "שֶׁקֶר" פון דער וועלט איז שטענדיג: "לִפְנֵיהֶם" – ווייל טאקע וויבאלד די: "שֶׁקֶר" פון דער וועלט איז שטענדיג פאר ענק, טאקע וועגן דעם זאלט איר זיך זעהן אפ צו היטן פון דעם, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, כדי אז איר זאלט זיך ח"ו נישט אפ לערנען פון די אלע שלעכטע וועגן, נאר איר זאלט זיך מדבק זיין אין די הייליגע גלייכע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער וואס זיין חותם איז: "אֱמֶת".

און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר יהו-ה" וגו' – אז צו דערציילן אז דער אייבערשטער איז א גלייכער, און: "וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ" – און ער טוט נישט קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, און די ווערטער: "וְלֹ**א** עַוְלָתָ**ה** בּ**וֹ**" – איז דאך סופי תיבות: "אֹוָה", ווייל דער אייבערשטער גלוסט כביכול צו א מענטש וואס גייט מיט דעם: "דֶּרֶךְ הָאֱמֶת", און דער אייבערשטער האט "ליב" א מענטש וואס טוט נישט קיין עוולה'ס פאר קיין שום מענטש.

און דער אייבערשטער זאגט דא פאר כלל ישראל, אז וויבאלד איך בין דאך אזא איינער וואס טוט נישט קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אז: "וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ", ממילא וועגן דעם טוט'ס אויך נישט קיין שום עוולה'ס איינער פארן צווייטן, און זייט'ס: "דַּן" א משפט ווי אזוי עס דארף צו זיין, און האלט'ס ענק צו דעם יסוד פון "גערעכטיקייט" און גלייכ'קייט".

און נישט נאר ווען עס קומט צו א "משפט", נאר א יעדע מאל ווען דו ווילס'ט: "דַּן" זיין דיין חבר, זאלסטו דעמאלט'ס גוט געדענקען, אז דער אייבערשטער לאזט נישט גיין מיט דעם: "שֶׁקֶר" פון דער וועלט..!

און עס שטייט דאך שוין טאקע אין דער הייליגער תורה הק' אין פרשת תצוה (קפיטל כ"ח פסוק ט"ו), אז: וְעָשִׂיתָ "חֹשֶׁן מִשְׁפָּט" – אז מען זאל מאכן א: "חֹשֶׁן מִשְׁפָּט", און די: "חֹשֶׁן מִשְׁפָּט" דארף דאך שטענדיג בלייבן צו געבינדן צום הארץ פון דער כהן גדול, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת תצוה, אז: (קפיטל כ"ח פסוק ל'), אז: "וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת מִשְׁפַּט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אז אהרן הכהן דארף טראגן די "משפט" פון די יודישע קינדער – אהרן הכהן דארף טראגן די "גערעכטיקייט" פון די יודישע קינדער, אבער וואו דארף ער דאס טראגן..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז ער דארף דאס טראגן: "עַל לִבּוֹ" – ער דארף דאס טראגן אויף זיין "הארץ", און דאס דארף זיין: "לִפְנֵי יהו-ה תָּמִיד" – און דאס דארף שטענדיג זיין אזוי, און די: "מִשְׁפַּט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" טאר זיך קיינמאל נישט אוועק רירן פון דעם "הארץ" פון א יודיש קינד, ווייל: "אֱמֶת וּמִשְׁפָּט" איז דאך איינער פון די גרעסטע מידות פון דעם אייבערשטן, און ממילא וועגן דעם טארן מיר דאס ח"ו קיינמאל נישט אוועק רירן פון אונזער "הארץ".

און עס ווערט דאך שוין טאקע דערמאנט ווייטער אין דעם פסוק אין פרשת תצוה (קפיטל כ"ח פסוק כ"ח) די ווערטער: "לִהְיוֹת עַל חֵשֶׁב הָאֵפוֹד וְלֹא יִזַּח הַחֹשֶׁן" וגו', און די ווערטער: "הָאֵפוֹד וְלֹא יִזַּח הַחֹשֶׁן" – איז דאך ראשי תיבות: "יהו-ה", ווייל דאס אז א מענטש זאל האלטן זיין ווארט און זיך פירן מיט "גלייכ'קייט" און "גערעכטיקייט" איז דאך איינער פון די גרעסטע יסודות ביים אייבערשטן, ווייל יא ר' יוד, סיי "אֱמֶת", און סיי: "מִשְׁפָּט", און די צוויי זאכן טארן זיך קיינמאל נישט אוועק רירן פון די הארץ פון א יודיש קינד.

און דאס איז דאך טאקע איינער פון די הארב'סטע זאכן וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון א יודיש קינד, ווייל דער אייבערשטער איז דאך: "האוחז ביד מידת משפט" – דער אייבערשטער האלט דאך גאר גאר שטארק אָן דעם הייליגן מדה פון: "מִשְׁפָּט" – דער אייבערשטער האלט דאך גאר גאר שטארק אָן דעם הייליגן מדה פון "גערעכטיקייט", און ממילא וועגן דעם דארף טאקע א מענטש שטענדיג געדענקען, אז דער זעלבע: "תּוֹרַת אֱמֶת" וואס איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני מיט קולות וברקים הייסט דיר אויף היינטיג'ן טאג זיך צו פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת" אין דיין טאג טעגליכ'ן לעבן, און אפילו ווען מען רעדט פון פשוט'ע זאכן אזוי ווי: "כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי" וגו', דארפסטו אבער נאך אלץ גיין מיט דעם ענין פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" – דארפסטו אבער נאך אלץ גיין מיט דעם ענין פון: "דֶּרֶךְ הָאֱמֶת וְהַמִּשְׁפָּט".

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך, אז יענע וועלט ווערט דאך אָן גערופן א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל דורך דעם וואס א יודיש קינד איז עוסק: "בְּתוֹרַת אֱמֶת" אויף דער וועלט, און ער פירט זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת" אויף דער וועלט, און ער בא'עוול'ט נישט ח"ו קיינעם אויף דער וועלט, קען ער דעמאלט'ס שפעטער זוכה זיין ארויף צו קומען אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת" און נהנה זיין: "מִזִּיו הַשְּׁכִינָה" פון דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", ווייל אויב האלט מען זיך צום: "אֱמֶת", העלפט דעמאלט'ס דער אייבערשטער און מען קומט סוף כל סוף אָן צום אמת'ן: "אֱמֶת", אבער אויב האלט מען זיך נישט צום: "אֱמֶת", דעמאלט'ס איז מען ח"ו פוגם אין דעם ערשט'ן יסוד וואס דער אייבערשטער האט אראפ געשטעלט פאר די יודישע קינדער נאך מתן תורה, און דאס איז דאך, די הייליגע יסוד פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – די הייליגע יסוד אז א יודיש קינד דארף זיך שטענדיג פירן מיט: "אֱמֶת וּמִשְׁפָּט".

און מיר האבן דאך שוין פריער דערמאנט, אז דער הייליגער סקולענ'ער רבי זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל פלעגט דאך שטענדיג נאך זאגן גאר א טייער ווארט פון זיין הייליגן טאטן דער הייליגער בעל נועם אליעזר מסקוליען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, און דאס איז, אז מיר זאגן דאך שוין אלע א יעדן טאג ביים דאווענען די ווערטער: "וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת" וכו', האט דער הייליגער סקולענ'ער רבי זצוק"ל געזאגט, און די ווארט: "מֵאִתְּךָ" איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "אֲמִתְּךָ", ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג בעטן דעם הייליגן באשעפער אז ער זאל איהם שטענדיג פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת",

סיי ברוחניות, און סיי בגשמיות, ווייל עס איז דאך נישט קיין שום נפקא מינה פון וואס פאר א זאך מען רעדט, דער אייבערשטער האט דאך פיינט: "שֶׁקֶר"..! ווייל דאס ברענגט דאך אראפ דעם מענטש צו גאר גאר א נידריגע מדריגה, און דאס רייסט דאך איהם ח"ו אפ פון דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" – און דאס רייסט דאך איהם ח"ו אפ פון דעם הייליגן באשעפער וואס זיין זיגל איז דאך: "אֱמֶת".

אבער אויב א מענטש גייט יא מיט דעם: "אֱמֶת", דעמאלט'ס איז ער זוכה אז דער הייליגער תורה הק' עפענט זיך אויף פאר איהם, און מיר האבן דאך שוין טאקע פריער דערמאנט דעם הייליגן פסוק פון דוד המלך עליו השלום, וואס דוד המלך זאגט דאך אונז שוין אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז ער האט געזאגט פארן הייליגן באשעפער, אז הייליגער באשעפער, איך זאג דיר קלאר, אז: "דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי" – אז אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם שקר'דיגן וועג – אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם פאלטש'ן וועג פון לעבן, דעמאלט'ס: "וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי" – דעמאלט'ס וועל איך קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק' און דורך דעם ווערן דבוק צו דיר, אבער אויב נישט, דעמאלט'ס וועל איך נישט קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק', ווייל "תורה" מיט: "שֶׁקֶר" גייט דאך נישט צוזאמען, און תורה מיט קרומ'קייט גייט דאך אויך נישט צוזאמען.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – איז דאך גימטריא: "אֱמֶת" [מיט דעם אות יו"ד], ווייל אויב א יוד איז זוכה און ער גייט שטענדיג נאר: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס איז ער זוכה צו: "אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – דעמאלט'ס איז ער זוכה אז דער הייליגער תורה הק' עפענט זיך אויף פאר איהם: "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם", (כלשון רש"י הק').

און אין די זעלבע צייט באקומט ער דאך דעמאלט'ס אויך די ברכה אז ער וועט נישט וויסן פון קיין שום צער און עגמת נפש, ווייל מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן טאג ביים דאווענען, אז ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין אז: "וְהָסֵר מִמֶּנּוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה" וכו'..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווען: "וְצַדְּקֵנוּ בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט" – ווען מיר וועלן זיך אויף פירן מיט "גערעכטיקייט" איינער צום צווייטן, און ווען מיר וועלן מער נישט בא'עוולה'נען קיין אנדערע מענטשן ח"ו, ווייל נאר דעמאלט'ס וועלן מיר קענען זוכה זיין אז אלע "צרות יגון ואנחות" זאלן נעלם ווערן פון אונז, ווייל אויב א יודיש קינד גייט בדרכי השם יתברך, און ער פירט זיך מיט: "צֶדֶק וּמִשְׁפָּט" – און ער פירט זיך מיט "גערעכטיקייט", וועט ער דעמאלט'ס קענען זוכה זיין אז עס וועט זיך אפ טוהן פון איהם אלע סארטן "צרות יגון ואנחות" וואס עס איז נאר פאראהאנען אויף דער וועלט, און אלעס אין דעם גרויסן זכות ווייל ער האט מקיים געווען דעם: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" – און אלעס אין דעם גרויסן זכות ווייל ער איז געגאנגען מיט די מדה פון "גערעכטיקייט" און ער האט מקיים געווען די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו": (ד"ת שנאמרו בעת סעודת רעוא דרעוין בביהמ"ד באיאן – בית שמש שנת תשע"ה העעל"ט).

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים וגו': רש"י הק' זאגט, אז: "ואלה מוסיף על הראשונים" – אז די ווארט: "וְאֵלֶּה" קומט צו זאגן אז דאס וואס מען גייט דא יעצט זאגן איז א "המשך" אויף פריער, און: "מה הראשונים מסיני" – און פונקט אזוי ווי דו גלייבס'ט אז די הייליגע "עשרת הדברות" וואס שטייען אין פרשת "יתרו" איז געזאגט געווארן אויפן בארג סיני, אזוי אויך: "אף אלו מסיני" – אזוי אויך זאלסטו גלייבן אז גאנץ פרשת "משפטים" איז אויך געזאגט געווארן אויפן בראג סיני טראץ דעם וואס עס רעדט זיך פון פשוט'ע הלכות וואס זענען נוגע: "בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ" טאג טעגליך.

און מען קען אפשר צו לייגן, אז די ווערטער וואס רש"י הק' זאגט אונז דא איז דאך ממש מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם", ווייל די ווערטער פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – איז דאך ראשי תיבות: "אֱלֹהוּת", ווייל רש"י הק' וויל אונז דא זאגן אין אנדערע ווערטער, אז ווען דו הערס'ט א מעשה פון: "שור שנגח את הפרה" – אז ווען דו הערס'ט א מעשה אז א אקס האט געשטויסן א קוה, דעמאלט'ס זאלסטו וויסן אז מען רעדט פון הייליגע ווערטער פון דער

הייליגער תורה הק' וואס איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ וְכָל כֻּלּוֹ אֱלֹהוּת", און דו זאלסט זיך ח"ו נישט איין רעדן פאר קיין איין רגע אז דו רעדס'ט דא פון א פשוט'ע נאריש'ע מעשה פון א אקס וואס האט געשטויסן א קוה, ניין ניין ניין, דו רעדס'ט נישט דא פון א קוה מיט א אקס, נאר דו רעדס'ט דא: "אֱלֹהוּת", און דו רעדס'ט דא "אייבערשטער", ווייל דער אייבערשטער האט זיך דאך באהאלטן אין די הייליגע אותיות התורה, און אויב זאגסטו ארויס די ווערטער: "שור שנגח את הפרה", האסטו זיך דעמאלט'ס מדבק געווען אין דעם הייליגן באשעפער אליין אויפן גרעסט'ן מאס דביקות.

און עס איז כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט פון צדיקים, אז ווען א יודיש קינד פאלט אמאל א דורך ח"ו אין א עבירה, און ער וויל תשובה טוהן, און ער וויל צוריק קומען צום אייבערשטן, זאל ער דעמאלט'ס די ערשטע זאך גלייך "חרטה" האבן אויף די עבירה וואס ער האט געטוהן, און ער זאל זיך דעמאלט'ס גלייך אויס שמועס'ן מיט דעם אייבערשטן, און ער זאל דעמאלט'ס זאגן פארן אייבערשטן אזוי, אז וואס זאל איך טוהן הייליגער באשעפער..?! איך פראביר אזוי שטארק צו זיין גוט, אבער דער יצר הרע כאפט דאך מיר שטענדיג אריין אין זיין טיפ'ן נעץ אריין.

און דער מענטש זאל דעמאלט'ס קלאר אויס רופן פארן הייליגן באשעפער, אז: "פלניא גזלנא" – אז דער יצר הרע איז א פשוט'ע "גזלן", ווייל ער כאפט דאך מיר שטענדיג אריין אין זיין נעץ אריין אינמיטן העלן טאג, אבער אין אמת'ן.. וויל איך אפילו נישט זינדיגן, און דאס וואס איך זינדיג איז דאך פשוט נישט "מיר", ווייל איך וויל דאך אין אמת'ן יא זיין גוט, און איך וויל דאך נישט טוהן קיין עבירות, און ממילא וועגן דעם בעט איך דיר הייליגער טאטע אין הימל אז.. זיי מיר מוחל אויף דאס וואס איך האב געטוהן, ווייל דו ביזט גערעכט אז: "כזאת וכזאת עשיתי", אבער איך האב דאך אין אמת'ן גאר שטארק חרטה אויף דאס וואס איך האב געטוהן.

און וואס געשעהט שפעטער איז, אז עס קומען שפעטער אָן די שלעכטע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די עבירה וואס דער מענטש האט געטוהן, און זיי שטעלן זיך דעמאלט'ס אוועק פארן אייבערשטן, און זיי הייבן דעמאלט'ס אָן צו שרייען פארן אייבערשטן, אז.. געב נאר א קוק הייליגער באשעפער, דער און דער מענטש האט דאך געזינדיגט, און דער און דער מענטש האט דאך געטוהן גאר א גרויסע עבירה אנטקעגן דיין רצון, און ממילא וועגן דעם מוז מען דאך איהם שוין יעצט שטראפן מיט גאר א שרעקליכ'ע עונש..!

אבער דער אייבערשטער רופט זיך דעמאלט'ס גלייך אָן צו די מלאכים, און ער זאגט דעמאלט'ס גלייך פאר די מלאכים, אז.. בארואיגט'ס ענק, און האלט'ס ענק רואיג, און מאכט'ס נישט קיין אומזיסטיגע קולות, ווייל וויסן זאלט איר, אז דער מענטש [וואס האט געזינדיגט] איז דאך שוין דא געווען פריער, און ער האט זיך דאך שוין געמאלדן, און.. יא מקטריגים, מיר ווייסן שוין אלע אז דער האט געזינדיגט, אבער ער האט שוין פון לאנג צוריק "תשובה" געטוהן, און ממילא וועגן דעם האט עטץ שוין נישט פארוואס צו שרייען.

און ממילא וועגן דעם זאגן צדיקים, אז אויב א מענטש האט ח"ו געטוהן אמאל א עבירה, זאל ער זיך דעמאלט'ס שנעל צו איילן נאך די עבירה, און ער זאל דעמאלט'ס גלייך לויפן צום אייבערשטן, און ער זאל דעמאלט'ס שנעל זאגן פארן אייבערשטן, אז עס איז אמת טאקע אז: "כזאת וכזאת עשיתי", אבער אין אמת'ן.. וויל איך דאך בכלל נישט זינדיגן, נאר.. דער "יצר הרע" כאפט דאך מיר שטענדיג אריין אין זיין נעץ אריין, און ממילא וועגן דעם זינדיג איך אמאל, אבער "איך" אליין וויל דאך נאר טוהן דיין רצון, און דורך דעם וואס א מענטש וועט דאס זאגן פארן אייבערשטן גלייך נאך די עבירה, וועט ער דורך דעם אויס כאפן די שלעכטע מלאכים וואס ווילן קומען שפעטער מקטרג זיין אויף איהם.

און דורך דעם וואס א מענטש איז זיך מודה ומתוודה פארן אייבערשטן גלייך נאך די עבירה, וועלן שוין די שלעכטע מלאכים מער נישט קענען קומען שפעטער רעדן שלעכט'ס אויף דעם מענטש, ווייל דער אייבערשטער וועט זיי דעמאלט'ס ענטפער'ן, אז וואס איז די געשריי דא..?! מיר ווייסן דאך שוין דא אויבן

אין הימל אז דער מענטש האט געזינדיגט, און נישט נאר דעם, נאר דער מענטש האט זיך שוין אפילו אליין גע'משפט אויף דאס וואס ער האט געטוהן, און ער האט שוין אפילו "תשובה" געטוהן בלב שלם אויף דאס וואס ער האט געטוהן, און ממילא וועגן דעם האבן ענק שוין מער נישט פארוואס צו רעדן פון די עבירה וואס דער מענטש האט געטוהן, ווייל דער מענטש האט דאך מיר שוין פון לאנג צוריק איבער געבעטן.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" וגו', ווייל רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין דא, אז די ווארט: "וְאֵלֶּה" איז דאך: "מוסיף על הראשונים", און ממילא די כוונת הפסוק מיט דעם ווארט: "וְאֵלֶּה" איז, אז פרשת "משפטים" איז נאך א המשך פון "קבלת התורה", און די פסוק מיינט דיר דא צו זאגן אזוי, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז מען האלט שוין טאקע יעצט נאך אזא גרויסע פלאם פייער'דיגן מעמד פון קבלת התורה וואס א יעדער איינער האט זיך דאך דעמאלט'ס אָן געשעפט גאר אסאך "יראת שמים", אזוי ווי די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש פאריגע וואך אין די פרשה, אז די גאנצע ציל פון מתן תורה איז דאך נאר געווען כדי אז: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ".

אבער וואס זאל א מענטש טוהן אויב ער איז יא ח"ו א דורך געפאלן אמאל אין א עבירה, און ער האט יא ח"ו עובר געווען אמאל אויף דעם: "וְאֵלֶּה" – אויף דער הייליגער תורה הק'..?! און די סיבה פארוואס די ווארט: "וְאֵלֶּה" גייט ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק' איז, ווייל די ווארט: "וְאֵלֶּה" – איז דאך גימטריא: "בָּם", און די ווארט: "בָּם" גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק', אזוי ווי חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע בפירוש אויף דעם פסוק: "וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם" וגו' וואס מיר זאגן אלע א יעדן טאג ביי קריאת שמע, אז די ווארט: "בָּם" גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק', און חז"ל זאגן דאך אונז שוין דארטן בפירוש, אז: וְדִבַּרְתָּ "בָּם" – אז פון דער הייליגער "תורה" הק' זאלסטו זעהן צו רעדן, אבער: "ולא בדברים בטלים" – אבער דו זאלסט נישט רעדן ח"ו קיין: "דברים בטלים", און ממילא דאס זאגט דיר דא די פסוק, אז וואס זאל א מענטש טוהן אויב ער איז יא ח"ו א דורך געפאלן אמאל אין א עבירה, און ער האט יא ח"ו עובר געווען אמאל אויף דעם: "וְאֵלֶּה" – אויף דער הייליגער תורה הק' וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אויף דעם אז: "אֵלֶּה" הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל..?!

און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויף די ווערטער: "אֵלֶּה" הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל די ווערטער: "לא פחות ולא יותר", אבער וואס זאל איינער טוהן אויב ער האט יא ח"ו געטוהן: "פחות או יותר" פארקערט פון דער הייליגער תורה הק', און ער האט יא ח"ו עובר געווען אויף דער הייליגער תורה הק'..?! וועגן דעם זאגט אונז דא די פסוק ווייטער, אז די עצה צו דעם איז, אז: "הַמִּשְׁפָּטִים" – אז ער זאל זיך אליין משפט'ן פארן הייליגן באשעפער, און ער זאל זיך אליין מודה ומתוודה זיין פארן הייליגן באשעפער, און דו ווייסט וואס דו זאלסט טוהן..?!

דו זאלסט טוהן די פעולה פון: "אֲשֶׁר תָּשִׂים" – דו זאלסט אליין פָאר לייגן דיין משפט פארן הייליגן באשעפער, און נישט סתם: "אֲשֶׁר תָּשִׂים", נאר לייג דאס: "לִפְנֵיהֶם" – נאר דו זאלסט פָאר לייגן דיין משפט פארן הייליגן באשעפער נאך "פאר" די שלעכטע מלאכים האבן בכלל א געלעגענהייט צו קומען רעדן שלעכט'ס אויף דיר, ווייל אויב א יודיש קינד בעט זיך איבער מיט דעם אייבערשטן נאך פאר די שלעכטע מלאכים (מקטריגים) קומען רעדן שלעכט'ס אויף איהם, דעמאלט'ס האט דאך דער "מענטש" מנצח געווען די מלחמה, ווייל דער אייבערשטער שטעלט זיך דאך שטענדיג אוועק אויף די זייט פון א מענטש וואס איז זיך מודה ומתוודה פארן הייליגן באשעפער אויף דאס וואס ער האט געטוהן.

אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע בפירוש ביי דעם ווידוי הגדול פון דעם הייליגן רבינו ניסים א יעדן ערב ראש חודש, וזלה"ק, אז: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם" – הייליגער באשעפער פון די וועלט, מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז: "מִנְהַג בֵּית דִּינְךָ הַצֶּדֶק לֹא כְּמִנְהַג בָּתֵּי דִינִין שֶׁל בְּנֵי אָדָם" – אז די פירונג פון דיין

בית דין של מעלה אויבן אין הימל איז דאך נישט אזוי ווי די פירונג פון די מענטשליכ'ע געריכט הייזער, און דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "שֶׁמִּדַּת בְּנֵי אָדָם כְּשֶׁהוּא תּוֹבֵעַ אֶת חֲבֵירוֹ בְּמָמוֹן אֶל בֵּית דִּין אוֹ אֶל הַשּׁוֹפֵט" – ווייל ווען א מענטש מאנט פון זיין חבר א סכום געלט ביי בית דין, דעמאלט'ס: "אִם יִכְפּוֹר יִנָּצֵל מִן הַמָּמוֹן" – אויב וועט זיין חבר (דער נטען) לייקענען די גאנצע מעשה, וועט ער זיך טאקע דעמאלט'ס ראטעווען פון באצאלן פאר זיין חבר די סכום געלט וואס מען האט געמאנט פון איהם, אבער: "וְאִם יוֹדֶה מִתְחַיֵּב לִתֵּן" – אבער אויב ער וועט מודה זיין אז ער איז טאקע שולדיג געלט פאר זיין חבר, וועט איהם דעמאלט'ס בית דין גלייך מחייב זיין צו באצאלן דאס געלט פאר זיין חבר.

אבער: "וּבֵית דִּינְךָ הַצֶּדֶק לֹא כֵן הוּא" – אבער דיין גערעכט'ער בית דין היילגער באשעפער אויבן אין הימל איז דאך נישט אזוי, ווייל: "אֶלָּא אִם יִכְפּוֹר אָדָם" – ווייל אויב א מענטש וועט לייקענען פארן אייבערשטן ביים בית דין של מעלה, דעמאלט'ס איז: "אוֹי לוֹ וְאוֹי לְנַפְשׁוֹ" – דעמאלט'ס איז ווי צו איהם און ווי צו זיין נפש, ווייל מען קען דאך נישט לייקענען אויבן אין הימל אויף גארנישט, און אויב לייקענסטו יא, מאכסטו זיך דאך דעמאלט'ס אליין אָן ביזוי בזיונות, ווייל עס איז דאך: "הַכֹּל גָּלוּי וְיָדוּעַ" אויבן אין הימל, און עס איז דאך נישט שייך אז א מענטש זאל לייקענען אויבן אין הימל אויף דאס וואס ער האט געטוהן, ווייל אויבן אין הימל איז דאך א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", און מען קען דאך גארנישט באהאלטן דארטן, אבער אויב: "וְאִם מוֹדֶה וְעוֹזֵב" – אבער אויב א מענטש איז זיך מודה על האמת, און ער זאגט פארן הייליגן באשעפער אז: "חָטָאתִי עָוִיתִי וּפָשַׁעְתִּי", דעמאלט'ס: "אַתָּה מְרַחֲמֵהוּ" – דעמאלט'ס האסטו רחמנות אויף איהם.

און דאס איז דאך טאקע דער געדאנק פון וואס מיר רעדן יעצט דא, אז אויב א מענטש מאכט זיך א אייגענ'ע: "הַמִּשְׁפָּטִים" – אז אויב א מענטש מאכט זיך א אייגענ'ע "משפט" בינו לבין קונו: "לִפְנֵיהֶם" – נאך "פאר" די שלעכטע מלאכים האבן בכלל א געלעגענהייט צו קומען רעדן שלעכט'ס אויף איהם, און ער איז זיך מודה אויף זיין עבירה וואס ער האט געטוהן נאך "פאר" די מקטריגים האבן בכלל א געלעגענהייט צו קומען מקטרג זיין אויף איהם, און ער לאזט איגאנצן אפ די עבירה, און ער טוט תשובה, דערבארעמט זיך דעמאלט'ס אויף איהם דער הייליגער באשעפער, ווייל אויב א מענטש איז "מודה" אז ער האט געזינדיגט, און ער זאגט פארן הייליגן באשעפער אז איך וויל תשובה טוהן, באקומט ער דעמאלט'ס גלייך א אפענ'ע טיר אויבן אין הימל, און זיין תשובה ווערט דעמאלט'ס גלייך אָן גענומען ביים הייליגן באשעפער, און דער אייבערשטער נעמט איהם דעמאלט'ס גלייך צוריק צו זיין שויס, ווייל: "כִּי יְמִינְךָ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים".

אבער עס איז כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט, אז עס איז דאך דא א באקאנט'ע ווארט וואס די וועלט זאגט, און די ווארט איז, אז א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און די ווארט אז א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש" איז דאך אין אמת'ן אויך נוגע בעניני "רוחניות", ווייל א יודיש קינד דארף דאך וויסן זייער קלאר ביי זיך, אז.. יא, עס איז דא אזא זאך אז א מענטש זאל אמאל א דורך פאלן אין א עבירה, און.. יא, עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש זאל א דורך פאלן אין א עבירה, ווייל א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און ווי אזוי זאגט די וועלט..?! אז ביי א יעדע מענטש קען זיך אמאל מאכן א שוואכ'ע מינוט וואס ער זאל כאפן א גליטש פון עבודת השם יתברך, און א יעדע מענטש קען אמאל מאכן א: "טָעוּת" און א דורך פאלן א געוויסע עבירה, ווייל א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", אבער ווערן "צובראכן" פון א דורך פאל..?! דאס האט דאך שוין נישט קיין שום פשט.

ווייל פארוואס ביזטו געקומען אויף דער וועלט אויב נישט זיך צו שלאגן אין א פולקאמ'ע "מלחמה" אנטקעגן דיין יצר הרע..?! פאר דעם ביזטו דאך דא..?! כדי "מלחמה" צו האלטן מיט דיין יצר הרע, און וואס מיינט א "מלחמה"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז א "מלחמה" מיינט, אז איינמאל געווין איך, און איינמאל געווינסטו, און ממילא טראץ דעם וואס דיין יצר הרע האט דיר געווינען דאס מאל דארפסטו

אבער נאך נישט ווערן צובראכן וועגן דעם, ווייל נו.. דאס מאל האט ער דיר טאקע געווינען, אבער קומענדיגע מאל "ווערסטו" איהם געווינען בעזרת השם יתברך.

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק ג'), אז: "יהו-ה" – אז דער הייליגער באשעפער וויל, אז: "אִישׁ מִלְחָמָה" – אז א מענטש זאל שטענדיג זיין א: "אִישׁ מִלְחָמָה", און ער זאל שטענדיג שטיין אין א כסדר'דיגע "מלחמה" מיט זיין יצר הרע, און ווען עס וועט קומען די טאג וואס עס וועט זיין: "וְהָיָה יהו-ה לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ", און עס וועט נתגלה ווערן "כבוד שמים" פאר א יעדעם איינעם, דעמאלט'ס וועט מען שוין זעהן ווער עס האט אין אמת'ן געווינען, ווייל ווען מען וועט שעכט'ן דעם יצר הרע וועט משיח וועט קומען, דעמאלט'ס וועט מען שוין זעהן ווער עס האט אין אמת'ן געווינען.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" וגו', ווייל די ווארט: "הַמִּשְׁפָּטִים" – איז דאך גימטריא: "טָעוּת" [מיטן כולל], און די ווארט: "מִשְׁפָּטִים" – איז דאך אויך גימטריא: "טָעוּת" [מיט די זעקס אותיות], ווייל דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל זאגן פאר די יודישע קינדער, אז עס איז אמת טאקע אז עס איז טאקע געווען גאר א שרעקעדיגע מעמד הר סיני, און דער אייבערשטער האט טאקע איבער געגעבן דעם גרויסן: "עול התורה והמצות" פאר אלע יודישע קינדער בשעת ווען גאנץ כלל ישראל איז געשטאנען: "באימה וביראה וברתת ובזיעה", אבער זאג פאר די יודישע קינדער (האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו), אז זיי זאלן וויסן, אז עס קען אמאל געשעהן אז א מענטש זאל זיך פארגעסן און מאכן א: "טָעוּת" און טוהן א געוויסע עבירה, אבער עטץ דארפט'ס נאך נישט ווערן אויס מענטש וועגן דעם, ווייל א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און א יעדע מענטש קען דאך אמאל מאכן א: "טָעוּת".

און ממילא דער כלל האט דער אייבערשטער געהייסן פאר משה רבינו אז ער זאל איבער געבן פאר די יודישע קינדער, וועלכע כלל..?! די כלל אז עס קען אמאל פאסירן אז א מענטש זאל מאכן אמאל א: "טָעוּת" און טוהן א געוויסע עבירה.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז וואס איז מיט דיר..?! וואס הייסט..?! דו מאכס'ט די גאנצע תורה הק' פאר א גרינג'ע זאך..?! וואס הייסט אז א מענטש קען אמאל מאכן א: "טָעוּת"..?! דו ווילס'ט מיר דא זאגן אז א מענטש דארף גארנישט טוהן אויב ער איז אמאל א דורך געפאלן אין א עבירה..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז ניין ר' יוד, דו האסט נישט פארשטאנען וואס מיר האבן דא געזאגט, ווייל מיר האבן דאך סך הכל געוואלט קלאר שטעלן דא דעם געדאנק אז א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און דעם געדאנק אז א יעדע מענטש קען דאך אמאל מאכן א: "טָעוּת" און א דורך פאלן אין א עבירה, אבער אוודאי דארף מען "תשובה" טוהן אויב מען איז אמאל א דורך געפאלן אין א עבירה, און דו ווייסט ווי אזוי מען טוט "תשובה" אויב מען האט געמאכט אמאל א: "טָעוּת" און א דורך פאלן אין א עבירה..?! איך וועל דיר זאגן ווי אזוי מען טוט "תשובה" אויב מען האט געמאכט אמאל א: "טָעוּת" און א דורך פאלן אין א עבירה, די וועג ווי אזוי מען טוט תשובה איז, אז מען איז זיך מודה ומתוודה פארן הייליגן באשעפער אויף דאס וואס מען האט געטוהן, און מען בעט איבער דעם הייליגן באשעפער נאך "פאר" די אלע מקטריגים האבן בכלל א געלעגענהייט צו קומען מקטרג זיין אויף דעם מענטש און רעדן שלעכט'ס אויף דעם מענטש וויבאלד ער האט געטוהן די און די עבירה.

און א מענטש זאל זיך טאקע דעמאלט'ס מודה ומתוודה פארן הייליגן באשעפער, און ער זאל דעמאלט'ס זאגן פארן הייליגן באשעפער, אז.. הייליגער באשעפער, אז עס איז אמת טאקע אז איך האב געזינדיגט, אבער וואס זאל איך טוהן..?! איך בין דאך נאר א "מענטש", און איך האב דאך אזא גרויסע יצר הרע, און ממילא וועגן דעם פאל איך אמאל א דורך געפאלן אין א עבירה, און וואס זאל איך טוהן הייליגער באשעפער..?! דער יצר הרע האט דאך מיר אריין געכאפט אין זיין נעץ אריין היינט, און איך בין דאך

ליידער א דורך געפאלן אין א געוויסע עבירה היינט, אבער טיף אין הארצן וויל איך דאך נישט טוהן קיין עבירות, און טיף אין הארצן וויל איך דאך נישט זינדיגן, און טיף אין הארצן וויל איך דאך נאר "דיר" הייליגער גרויסער טאטע אין הימל..! און טיף אין הארצן וויל איך דאך נאר זיין נאנט צו דיר, און ממילא זיי מיר מוחל הייליגער גרויסער טאטע אין הימל, ווייל א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און א יעדע מענטש קען דאך אמאל מאכן א: "טָעוּת" און א דורך פאלן אין א עבירה.

און עס איז אמת טאקע הייליגער טאטע אין הימל אז: "סַרְנוּ מִמִּצְוֹתֶיךָ וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ הַטּוֹבִים וְלֹא שָׁוָה לָנוּ" – און עס איז אמת טאקע הייליגער טאטע אין הימל אז איך האב געזינדיגט און איך בין געגאנגען אנטקעגן דיין רצון, און: "וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל הַבָּא עָלֵינוּ" – און: "לְךָ אֲדֹנָ-י הַצְּדָקָה" – און דו ביזט טאקע גערעכט הייליגער גרויסער טאטע אויף אלע צרות און יסורים וואס קומט נאר אויף אונז, ווייל: "כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנַחְנוּ הִרְשָׁעְנוּ" – ווייל דו האסט דאך געטוהן ריכטיג מיט דעם וואס דו האסט אונז באשטראפט אויף אונזערע זינד, ווייל מיר האבן דאך געזינדיגט, אבער הייליגער באשעפער, א "מענטש" איז דאך נאר א "מענטש", און א מענטש איז דאך נישט קיין מלאך, און א יעדע מענטש קען דאך אמאל מאכן א: "טָעוּת" און א דורך פאלן אין א עבירה, ווייל עס איז דאך למעשה דא גאר א גרויסע יצר הרע צו טוהן שלעכט'ס, אבער הייליגער באשעפער, קוק אריין אין מיין "הארץ", און זעה ווי שטארק איך וויל נתקרב ווערן צו דיר, און זעה ווי שטארק איך וויל צוריק קומען צו דיר הייליגער גרויסער טאטע אין הימל.

און ווען א מענטש טוט דאס, און ער משפט זיך אליין אויף דאס וואס ער האט געטוהן, און ער בעט איבער דעם הייליגן באשעפער נאך "פאר" די אלע מקטריגים האבן בכלל א געלעגענהייט צו קומען מקטרג זיין אויף איהם, דעמאלט'ס איז דער מענטש א "געווינער", ווייל דער אייבערשטער וועט דאך שוין נישט שפעטער ווערלן אויס הערן די אלע מקטריגים וואס וועלן קומען שרייען אז דער מענטש האט געטוהן די און די עבירה, ווייל דער אייבערשטער וועט זיי דעמאלט'ס גלייך זאגן, אז.. בארואיגט'ס ענק, און האלט'ס ענק רואיג, און מאכט'ס נישט קיין אומזיסטיגע קולות, ווייל וויסן זאלט איר, אז דער מענטש [וואס האט געזינדיגט] איז דאך שוין דא געווען פריער, און ער האט זיך דאך שוין געמאלדן צו מיר, און.. יא מקטריגים, מיר ווייסן שוין אלע אז דער יוד האט געזינדיגט, אבער דער יוד האט דאך שוין פון לאנג צוריק "תשובה" געטוהן, און ממילא וועגן דעם האט עטץ שוין נישט פארוואס צו שרייען.

און חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך, אז: "כל ימיך בתשובה" – אז א מענטש זאל שטענדיג לעבן מיט "תשובה" אלע זיינע טעג, איי.. וועט איינער פרעגן, אז וואס הייסט אז: "כל ימיך בתשובה"..?! ווער זאגט אז איך וועל זינדיגן בכלל..?! און ממילא וואס הייסט אז איך דארף לעבן מיט "תשובה" דורך אויס אלע מיינע טעג..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז.. יא, א מענטש דארף אסאך מאל צו קומען צו די ענין פון "תשובה", ווייל א מענטש איז דאך נישט קיין "מלאך", און א מענטש פאלט דאך ליידער אמאל אראפ אין שלעכטע מעשים, און ממילא וועגן דעם זאגן דאך אונז שוין טאקע חז"ל, אז: "כל ימיך בתשובה" – אז א גאנץ לעבן זאלסטו לעבן מיט "תשובה", ווייל דו ביזט דאך נאר א "מענטש", און דו ביזט דאך נישט קיין "מלאך", און עס קען דאך פאסירן ביי דיר אמאל אז דו זאלסט א דורך פאלן אין א עבירה, און ממילא לעב מיט "תשובה" אלע דיינע טעג, ווייל "תשובה" איז דאך א זאך וואס קען צו נוץ קומען פאר גאר אסאך מענטשן.

און אויב מיר וועלן טאקע שטענדיג לעבן מיט "תשובה", און מיר וועלן שטענדיג אויס שרייען פאר אונזער הייליגן טאטן אין הימל אז: "רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת אֶת מַלְכֵּנוּ", דעמאלט'ס וועלן מיר בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין אז דער הייליגער: "פּוֹתֵחַ יָד בִּתְשׁוּבָה" וועט טאקע אָן נעמען אונזער "תשובה", און עס שוין מקיום ווערן די ווערטער פון דעם פסוק: "יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבֹּשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם וְכָל חַטֹּאת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל תַּשְׁלִיךְ בְּמָקוֹם אֲשֶׁר לֹא יִזָּכְרוּ וְלֹא יִפָּקְדוּ וְלֹא יַעֲלוּ עַל לֵב לְעוֹלָם":

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: רש"י הק' איז אונז מסביר דא דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם", און רש"י הק' זאגט אונז דא, אז דער אייבערשטער האט געמיינט מיט דעם צו זאגן, אז משה רבינו זאל פָאר לייגן דער הייליגער תורה הק' פאר די יודישע קינדער: "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם" – אז משה רבינו זאל פָאר לייגן דער הייליגער תורה הק' פאר די יודישע קינדער אזוי ווי א אָן גע'גרייט'ע טיש וואס איז גרייט צום עסן.

און עס כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז א: "צַדִּיק" האט א חיוב צו לערנען דער הייליגער תורה הק' מיט די יודישע קינדער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת יתרו (קפיטל י"ט פסוק ג'), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז: "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל", און משה רבינו האט דאך שוין טאקע אליין געזאגט פאר זיין שווער יתרו אין פרשת יתרו (קפיטל י"ח פסוק ט"ז), אז: "וְהוֹדַעְתִּי" אֶת חֻקֵּי הָאֱלֹקִים וְאֶת תּוֹרֹתָיו – אז איך בין דער וואס לערנט דער הייליגער תורה הק' מיט די יודישע קינדער, ווייל דער: "צַדִּיק" האט א חיוב צו לערנען דער הייליגער תורה הק' מיט די יודישע קינדער.

און אזוי שטייט טאקע אויך אין פסוק אין פרשת וילך, אז דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו, אז: "וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אז ער זאל לערנען די תורה הק' מיט די יודישע קינדער, ווייל עס ליגט א חיוב אויפן צדיק צו לערנען די הייליגע תורה מיט די יודישע קינדער.

אבער פון די אנדערע זייט ליגט אבער אויך א חיוב אויף די תלמידים מקבל צו זיין פון זייער מורה דרך, אזוי ווי עס שטייט שוין אין די תורה הק', אז עס איז דא א מצות עשה דאורייתא פון: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל" – אז דו זאלסט זיך נישט אוועק רירן פון דאס וואס די חכמים וועלן דיר זאגן רעכט'ס אדער לינק'ס, נאר: "וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ" – נאר דו זאלסט טוהן אלעס וואס זיי וועלן דיר הייסן טוהן, און דאס איז א חיוב אויף א יעדע יוד אויס צו הערן די ווערטער פון זיין רבי און פון זיין מורה דרך, און אזוי אויך דברי חז"ל.

יעצט.. ווען מען האט שוין גע'ענדיגט דעם פלאם פייער'דיגן מעמד פון מתן התורה, וואס ביי די מעמד פון מתן תורה האט דאך דער אייבערשטער געהאט געזאגט פאר משה רבינו: "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב" – אז ער זאל זאגן פאר די יודישע קינדער: "דברים הקשים כגידין" – שטרענג'ע רייד, האט שוין משה רבינו געמיינט, אז.. שוין, אזוי דארף זיך פירן א מנהיג ישראל, א מנהיג ישראל דארף אלעמאל רעדן שטרענג צו זיינע מענטשן, און א מנהיג ישראל דארף שטענדיג פארלאנגען פון דעם ציבור שטרענגערהייט דעם דבר השם, און אלעס דארף צו גיין מיט שטרענג'ע דיבורים.

און ממילא וועגן דעם האט איהם אייבערשטער געזאגט, אז.. ניין ניין ניין, שריי נישט אויף די יודישע קינדער, און רעד מער נישט שארף צו זיי, ווייל די גאנצע טעם פארוואס איך האב דיר געהייסן רעדן גאר שטרענג צו כלל ישראל ביי די מעמד פון מתן תורה איז דאך נאר געווען כדי: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – כדי אז די יודישע קינדער זאלן קענען קונה זיין זייער יראת שמים, ווייל אָן "יראת שמים" קען מען דאך נישט לערנען קיין תורה, און דאס.. איז דאך נאר געווען דעמאלט'ס א "הוראת שעה", אבער דאס איז נישט די מהלך ווי אזוי א מנהיג דארף לערנען תורה מיט זיינע תלמידים.

ווייל די מהלך ווי אזוי א מנהיג דארף לערנען תורה מיט זיינע תלמידים איז: "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם" – מיט א געשמאקייט, און מיט א זיס'קייט, און פונקט אזוי ווי ווען א מענטש זעהט א שיינע אָן גע'גרייט'ע טיש, מיט אזוי פיל שיינע כלים, און אזעלכע געשמאקע עסן, באקומט ער דעמאלט'ס א אפעטיט צום עסן, אזוי אויך.. דארפסטו משה רבינו פראבירן אריין צו לייגן א טעם אין די תורה הק', כדי אז דיינע תלמידים זאלן זיך צו כאפן צו דעם, און אז זיי זאלן וועלן טועם זיין פון דעם: "עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ".

און וועגן דעם טאקע איז אלעמאל געווען די מנהג ביי די הייליגע תלמידי בעל שם טוב הק', אז מען פלעגט זיך טאקע שטענדיג צוזאם קומען פרייטיג צו נאכט'ס ביי א טיש כדי צו זינגען זמירות שירות ותשבחות פארן הייליגן באשעפער, און כדי צו הערן דעם דבר השם פון דעם צדיק הדור, און פון דעם מורה דרך, כדי מקיים צו זיין דעם: וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים "אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם.. כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם" – כדי זיס צו מאכן די תורה הק' ביי די יודישע קינדער.

און דאס איז טאקע דער ענין דא, ווייל עס איז געווען זייער וויכטיג פארן אייבערשטן, אז גלייך נאך מתן תורה וואס עס איז געווען: "וַיִּחַד כָּל הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה", זאל מען גלייך וויסן אז די וועג פון קבלת התורה איז דורך: וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים "אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – כשולחן הערוך וכו'.

און דאס איז דאך בעצם גאר א גרויסע מתנה פאר אונז, ווייל די איינציג'סטע עצה ווי אזוי א מענטש קען איבער רעדן זיין יצר הרע אז ער זאל איהם לאזן גיין לערנען, איז דאך נאר ווען ער זאגט פאר זיין יצר הרע, אז די תורה הק' איז דאך פשוט אזוי זיס און אזוי געשמאק, און ממילא אויב די תורה איז ביי מיר: "מְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים", דעמאלט'ס מוז איך דאך גיין לערנען, ווייל דו יצר הרע.. האסט דאך ליב געשמאקע זאכן, און דו האסט דאך ליב צו מאכן א לעבן אויף דער וועלט און הנאה האבן פון דעם עולם הזה, נו.. דאס איז דאך גרעסטע תענוג אויף דער וועלט..?! ווייל צו שפירן א טעם אין דער הייליגער תורה הק' איז דאך פשוט די זיס'טע זאך פאר מיר..?!

און ממילא קען א מענטש זאגן פאר זיין יצר הרע, אז.. דו קענסט אויך מיט קומען מיט מיר אין דעם בית המדרש, ווייל מיר פלעגן דאך אלעמאל נאך לויפן צוזאמען די תענוגי עולם הזה, און מיר פלעגן זיך דאך שטענדיג צוזאמען באלעקן מיט א יעדע תענוג וואס מיר האבן נאר אָן געטראפן, נו.. איך האב יעצט געטראפן גאר א געשמאקע תענוג וואס הייסט די תורה הק', און אויב דו ווילסט, קענסטו אויך מיט קומען צוזאמען מיט מיר אין דעם בית המדרש, און איינמאל דער יצר הרע קומט אָן אין דעם בית המדרש, דעמאלט'ס ווערט ער דאך שוין צו שפליטער'ט אויף טויזנט שטיקל'עך, ווייל די קדושת המקום פאר טרייבט איהם גלייך.

און דאס איז טאקע דאס וואס אונזערע חכמים האבן געמיינט מיט די ווערטער: "אם פגע בך מנוול זה" – אז אויב דיין יצר הרע פעגער'ט דיר א גאנצן צייט, דעמאלט'ס זאג איהם, אז.. דו ווייסט..?! איך האב גאר א גרויסע תאוה צו גיין לערנען, און ממילא וועט ער שוין מוזן מיט קומען מיט דיר דעמאלט'ס, און דורך דעם וועסטו טאקע קענען אויס פירן דעם מאמר חז"ל במילואו, אז: "משכהו לבית המדרש":

מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת.. וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ וגו': רש"י הק' איז מסביר די ווערטער פון: "וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ", און רש"י הק' זאגט, אז: "הכתוב מדבר בשני בני אדם" – אז די פסוק רעדט דא פון צוויי מענטשן, "אחד הרג שוגג" – איינער האט אמאל גע'הארגע'ט איינעם בשוגג, און: "ואחד הרג מזיד" – און איינער האט אמאל געהארגע'ט איינעם במזיד, אבער: "ולא היו עדים בדבר שיעידו" – אבער עס איז נישט געווען קיין עדים וואס האבן צו געזעהן די מיתה ביי די צוויי מענטשן, און ממילא: "זה לא נהרג וזה לא גלה" און ממילא האט קיינער נישט באקומען זייער פארדינט'ן שטראף.

אבער: "מה עשה הקדוש ברוך הוא" – וואס טוט דער אייבערשטער אין אזא פאל..?! אויף דעם איז די תירוץ, אז: "הקדוש ברוך הוא מזמן לפונדק אחד" – אז דער אייבערשטער מאכט אז זיי זאלן ביידע צוזאמען פונקט אָן קומען אין דעם זעלבן גאסט הויז, און דער מענטש וואס האט געהארגע'ט אמאל איינעם במזיד זיצט אונטער דעם לייטער, און דער מענטש וואס האט געהארגע'ט אמאל איינעם בשוגג גייט ארויף אויפן לייטער, און ער פאלט אראפ אויף דער מענטש וואס האט געהארגע'ט אמאל איינעם במזיד, און ער הארגע'ט איהם אויפן פלאץ.

און דורך דעם ווערט אויס געפירט זייער פסק דין וואס עס איז זיך זיי געקומען באמת, ווייל דורך דעם: "ונמצא" – קומט אויס, אז: "זה שהרג במזיד נהרג" – אז דער מענטש וואס האט געהארגע'ט אמאל איינעם במזיד, ווערט יעצט געהארגע'ט, און: "וזה שהרג בשוגג גלה" – און דער מענטש וואס האט געהארגע'ט אמאל איינעם בשוגג, גייט יעצט אין גלות.

ווייל דער אייבערשטער מאכט שוין זיכער אז עס זאל פונקט אזוי פאסירן די מעשה, אזוי ווי רש"י הק' איז שוין מסביר, אז: "הקדוש ברוך הוא מזמנן לפונדק אחד" וכו', ווייל די גאנצע מעשה דארטן ווערט געפירט מיט א מורא'דיגע פונקטליכ'ע "השגחה פרטיות" פון אויבן.

אבער עס איז כדי צו מוסיף זיין נאך א נקודה, אז די פסוק פון: "מַכֵּה אִישׁ וָמֵת" וגו'.. קען מען מסביר זיין מיט דעם פסוק וואס דוד המלך זאגט אין תהלים, ווייל דוד המלך זאגט אין תהלים, אז: "וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹהִים", דאס מיינט צו זאגן, אז דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש, אז איך האב דיר געמאכט אביסל וויניגער ווי א מלאך, פארוואס..?!

ווייל: "וְכָבוֹד וְהָדָר תְּעַטְּרֵהוּ" – ווייל איך האב דיר באקרוינט מיט א הייליגע נשמה וואס ווערט אָן גערופן "כבוד והדר", און די הייליגע נשמה וואס איך האב דיר באקרוינט, איז דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל".

און שפעטער שטייט טאקע ווייטער אין דעם פסוק, אז: "צֹנֶה וַאֲלָפִים כֻּלָּם וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי" וגו', און אביסל פריער שטייט אין דעם פסוק, אז: "תַּמְשִׁילֵהוּ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ", דאס מיינט צו זאגן, אז דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש, אז איך האב דיר געגעבן רעכט זיך צו באנוצן מיט מיינע זאכן, דאס מיינט צו זאגן, אז דו מעגסט ארבעטן אויף מיינע זאכן, און דו מעגס'ט רוקן מיינע זאכן, און דו מעגסט מְשַׁנֶה זיין מיינע זאכן, און דו מעגסט אפילו עסן באשעפעניש'ן, אזוי ווי עס שטייט שוין טאקע אין דעם פסוק אז דער מענטש געוועלטיגט אויך אויף: "וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי צִפּוֹר שָׁמַיִם וּדְגֵי הַיָּם" וגו' – אויף אלע פייגל'עך און פיש'ן.

אבער איין זאך דערמאנט אונז די פסוק בתוך הדברים, אז מיר דארפן אבער שטענדיג געדענקען, אז: "כֹּל שַׁתָּה תַחַת רַגְלָיו" – אז אלעס קומט פון דעם אייבערשטן, ווייל אין הכי נמי, אז.. דו טוס'ט, און דו ברענגסט זאכן, אבער אלעס וואס דו טוס'ט איז שוין אפ געשריבן פריער פון הימל אז דו גייסט אזוי טוהן, און ממילא דו ביזט פשוט א שליח פון הימל דאס אויס צו פירן, אבער באמת.. איז שוין אלעס אפ געשריבן פון פריער, ווייל אלעס קומט דאך נאר "על פי השגחת הבורא ברוך הוא".

און ער האט שוין פונקטליך אפ געשריבן פון פריער אלעס וואס דו גייסט טוהן, און אלעס אלעס וואס דו טוס'ט, קומט דאך נאר פון איהם, און: "כֹּל" – אלעס קומט פון דעם אייבערשטן, אפילו דעם: "שַׁתָּה תַחַת רַגְלָיו", דאס מיינט צו זאגן, אז אפילו: "שַׁתָּה", וואס די ווארט: "שַׁתָּה" – איז דאך סופי תיבות: "מַכֵּ**ה** אִי**שׁ** וָמֵ**ת**.. וואס אויף דעם זאגט דאך רש"י הק' די גאנצע פשט אז: "הקדוש ברוך הוא מזמנן לפונדק אחד".. אפילו דאס איז אויך פון דעם אייבערשטן.

און רש"י הק' וויל אונז מיט דעם ארויס ברענגען א מורא'דיגע נקודה, אז רעד דיר נישט איין פאר קיין איין מינוט, אז יא.. דער מענטש איז פונקט ארויף אויפן לייטער, און יענער מענטש איז פונקט יעצט געזיצן אונטער דעם, און דער ערשטער מענטש איז פונקט יעצט אראפ געפאלן פון דעם לייטער ווען יענער איז געשטאנען אונטן, און ער איז פונקט יעצט געשטארבן, און אזוי ווייטער.

ווייל.. ניין, עס איז נישט אזוי, ווייל דער הייליגער באשעפער האט דאך שוין אפ געשריבן פון פריער אז פונקטליך אזוי און אזוי גייט דעמאלט'ס געשעהן, און אזוי אויך האט שוין דער הייליגער באשעפער אפ געשריבן פון פריער פונקטליך וויפיל אזייגער דאס גייט געשעהן, און דאס וועט נישט קענען געשעהן קיין איין רגע פריער ווי די צייט וואס דער אייבערשטער האט געהאט באשטימט.

און.. דאס וויל אונז רש"י הק' ארויס ברענגען מיט זיינע ווערטער: "הקדוש ברוך הוא מזמנן לפונדק אחד" וכו', ווייל וואס דען מיינסטו..?! רש"י וויל אונז דען דא דערציילן א שיינע מעשה מיט א לייטער..?! ח"ו אפילו אזוי צו טראכטן, ווייל רש"י הק' וויל אונז מיט דעם אויס לערנען, אז דער אייבערשטער איז דער: "ממלא כל עלמין", און: "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם" – און אין א יעדע ריר אין די גאנצע וועלט ליגט דער אייבערשטער, און ער פירט א יעדע איינציגע זאך אין די גאנצע וועלט מיט א מורא'דיגע פונקטליכ'ע "השגחה פרטיות".

און דאס איז טאקע די ריכטיגע פירוש המילות פון די ווערטער: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא "בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים" וגו', ווייל ער איז דאך: "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", און ער זעהט דאך אלעס וואס גייט פָאר אויף דער וועלט, ווייל ער איז דאך דער איינציג'סטע וואס איז: "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין" – ער איז דאך די איינציג'סטע וואס נעמט אלעס ארום.

און די ווערטער: "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם" מיינט, אז אפילו אין מיינע גשמיות'דיגע זאכן געפונט זיך אויך דער הייליגער באשעפער, אין: "כֹּל" – אין אלעס.. און אפילו דאס אז דער רוצח וואס איז געווען אמאל א: "מַכֵּה אִישׁ וָמֵת" במזיד (וואס איז סופי תיבות: "שֻׁתָּה").. זאל שטארבן: "תַּחַת רַגְלָיו" אונטער די פוס פון דעם מענטש וואס איז ארויף אויפן לייטער.. דאס איז אויך פון דעם אייבערשטן.

ווייל אלעס קומט דאך פון דעם אייבערשטן, און א יעדע זאך האט דאך אין זיך אלקות, ווייל אָן דעם וואלט דאך דאס נישט געקענט האבן קיין קיום, אזוי ווי עס איז שוין מבואר אין די ספרים הק', אבער מיר דארפן זיך אבער כסדר מחזק זיין מיט דעם איינציג'ן נקודה וואס רופט זיך: "אמונה בהשגחת הבורא ברוך הוא בכל פרט ופרט".

און וויבאלד דער אייבערשטער זעהט דאך אלעס זייער גוט, און ער האלט דאך אלעס מיט זייער גוט, ממילא איז ער א גומל טוב פאר די וואס טוען גוט'ס, און א מעניש פאר די וואס טוען שלעכט'ס.

ווייל דער אייבערשטער איז דאך א: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און: "כָּל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט" – און אלע זיינע וועגן זענען דאך נאר מיט גערעכטיקייט, און ער איז דאך: "האוחז ביד מידת משפט", דאס ליגט איהם פשוט אין זיין האנט (כביכול), און ער בעט זיך צו אונז, אז מיר זאלן אויך לערנען דעם: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים".

און די איינציג'סטע וועג ווי אזוי מען קען פועל'ן ביים אייבערשטן אז ער זאל זיך פירן מיט א מענטש אנדערש ווי: "משפט" – אנדערש ווי גערעכטיקייט.. איז נאר, ווען א מענטש פירט זיך: "בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ" "לפנים משורת הדין", ווייל אויב א מענטש פירט זיך "לפנים משורת הדין" אין זיינע הנהגות, דעמאלט'ס פירט זיך דער אייבערשטער אויך מיט איהם "לפנים משורת הדין" מדה כנגד מדה:

וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה: עס שטייט אין די ספרים הק', אז ווען א לץ וועט ארויף קומען אויבן אין הימל, דעמאלט'ס וועט מען איהם זאגן, אז.. קוק אהער, דו האסט געגעסן נבילות וטריפות, און דו האסט מחלל שבת געווען, און דו האסט עובר געווען אויף די ג' עבירות חמורות.

וועט דער לץ גלייך אָן הייבן צו שרייען, אז וואס הייסט..?! דא איז דאך א: "עוֹלָם הָאֱמֶת"..! און איך האב דאך קיינמאל נישט געטוהן אזעלכע זאכן..?!

וועט איהם דער אייבערשטער דעמאלט'ס ענטפער'ן, אז אין הכי נמי, דו האסט דאס טאקע נישט געטוהן, אבער דו האסט געמאכט ליצנות פון א דבר טוב וואס אנדערע מענטשן האבן געטוהן, און ווען מען האט געגעבן א דרשה אין בית המדרש אז מען דארף ארויס ווארפן די כלים הטמאים.. און מען האט מעורר

געווען דעם עולם אז דאס איז די עמלק פון דעם היינטיג'ן דור, ביזטו געשטאנען דעמאלט'ס און ליצנות געמאכט פון דעם דרשה, און דו האסט זיך אָן געדופן, אז וואס פארשטייען די רבנים צו די היינטיגע דור..?! זיי ווייסן דאך נישט וואס טוט זיך מיט זיך..?! און בכלל.. דו מלחמה איז דאך א מלחמה אבודה, און מען וועט דאך סיי ווי נישט מנצח זיין, און מען וועט דאך סיי ווי נישט געווינען די היינטיגע נסיונות פון דעם דור.

און ממילא [חוץ פון דעם חטא פון נישט פאלגן "דברי חכמים"] האסטו עובר געווען נאך טויזנט'ער עבירות, ווייל וויבאלד דיין חבר האט געהערט ווי דו לאכס'ט אפ פון דעם דרשה, איז זיין התעוררות פון דעם דרשה אינגאנצן אוועק געגאנגען, און דיין חבר האט טאקע וועגן דעם נישט ארויס געווארפן זיינע כלים הטמאים פון זיין שטוב, און זיינע קינדער זענען שפעטער אריין געפאלן אין דעם שאול תחתית אריין, און זיי האבן געטוהן כל מיני עבירות חמורות, און ממילא ביזטו אלעס שולדיג אין אלע זייערע עבירות, און אלע זייערע עבירות גייט אויף דיין חשבון.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה" וגו', ווייל די ווערטער: "**לֹא צָדָה**" – איז דאך ראשי תיבות: "לֵץ", ווייל ווען דער לץ וועט קומען לאחר מאה ועשרים שנה אויף יענע וועלט, און דער אייבערשטער וועט איהם פָאר האלטן, אז וועגן דיין ליצנות זענען די קינדער און אייניקל'עך פון דיין חבר געגאנגען צו גרונד.. וועט דער לץ דעמאלט'ס ענטפער'ן, אז אין הכי נמי, דו ביזט גערעכט, אבער איך האב נישט געמיינט דעמאלט'ס קאליע צו מאכן זיינע דורות, איך האב דאך פשוט געמאכט א ווערטל..?! איך האב דאך פשוט געוואלט מאכן א גלייך ווערטל פאר מיין הנאה וועגן, איך האב בכלל נישט געמיינט קיין שלעכט'ס דעמאלט'ס..?!

וועט איהם דער אייבערשטער דעמאלט'ס ענטפער'ן, אז איך בין פונקט ווי דיר, ווייל איך וויל דאך אויך נישט שטראפן א מענטש ח"ו, נאר איך טוה דאס נאר, כדי אז ער זאל קענען שפעטער אריין גיין אין גן עדן און נהנה זיין מזיו השכינה, נו.. דו זעהס'ט..?! איך מיין אויך נישט קיין שלעכט'ס..?!

און דאס איז טאקע מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק ווייטער, ווייל דער אייבערשטער וועט זאגן פאר דעם לץ אויף יענע וועלט, אז: "וְהָאֱלֹקִים **אִנָּה** לְיָדוֹ **וְשַׂמְתִּי לְךָ**" – וואס די ווערטער איז דאך סופי תיבות: "כָּמוֹ י-ה" – אזוי ווי דער אייבערשטער, ווייל דער אייבערשטער וועט זאגן פאר דעם לץ אויבן אין הימל, אז איך מיין אויך נישט קיין שלעכט'ס, אבער גיהנם מוזטו באקומען.

פארוואס..?! ווייל: "**מְקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה**" – וואס די ווערטער איז דאך סופי תיבות: "מְהַרֵס", ווייל דו ביזט דאך א "מהרס", ווייל ווען מען ענדיגט א דרשה, דעמאלט'ס וואלסטו געדארפט זיין שטיל, און נישט רעדן קיין איין ווארט.

ווייל אויב רעדסטו איין איינציג ווארט אנטקעגן דעם דרשה, אדער אויב געבסטו איין קרום מיט דיין אויג אז.. נע די דרשה האט נישט געטויגט, דעמאלט'ס קענסטו נאך קאלט מאכן דעם גאנצן מצב דארטן און גורם זיין א שרעקליכ'ע "הירוס" אין דעם גאנצן מחנה און אין דעם גאנצן: "עֵדָה קְדוֹשָׁה", און עס קען נאך צו קומען צו א מצב אז דיין חבר וועט נישט ארויס ווארפן זיינע כלים הטמאים וועגן דיין ליצנות.

און אויף יענע וועלט.. זאגט דער אייבערשטער, וועל איך דיר שוין נישט קענען מוחל זיין אויף דעם וואס דו האסט אוועק געשניטן דורי דורות מישראל, ווייל דו ביזט דאך געווען א: "מְהַרֵס" אויף דער וועלט, און וואס די ערליכע יודן האבן אויף געבויעט לפי דעת תורתם, האסטו צו ווארפן.

און ממילא ווארענט אונז דער אייבערשטער אָן פון פריער, אז מיר זאל ח"ו קיינמאל נישט זיין פון די "כת הלצים", ווייל די כת הלצים זענען פון די: "אינו מקבלים פני השכינה".

איי.. וועט איינער פרעגן, פארוואס..?! פארוואס באקומט דער לץ אזא הארבע שטארף ווי: "אינו מקבל פני השכינה..?! אויף דעם איז די תירוץ דאס וואס מיר האבן ביז יעצט ערקלערט, ווייל וויבאלד דו האסט נישט "מקבל" געווען די ווערטער פון די חכמים אין דיין דור, און נישט נאר דעם, נאר דו האסט נאך גורם געווען מיט דיין ליצנות אז אנדערע ערליכע יודן זאלן נישט "מקבל" זיין זייערע ווערטער.. ממילא ביזטו פון די: אינו "מקבלים" פני השכינה, מדה כנגד מדה.

און ממילא וועגן דעם דארפן מיר טאקע אלע גאר שטארק אכטונג געבן אויף דעם, און ח"ו נישט גורם זיין קיין הירוס ברבים, ווייל מען קען נאך שפעטער גאר שטארק חרטה האבן אויף דעם, אבער מדה טובה מרובה, ווען א מען ענדיגט א דרשה, און א יוד האלט זיך שטיל, כדי ח"ו נישט אפ צו קילן דעם מצב, דעמאלט'ס באקומט ער די שכר פון: "כח הרבים שעושים מצוה":

אִם יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל מִשְׁעַנְתּוֹ וְנִקָּה הַמַּכֶּה רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא: עס שטייט פון צדיקים, אז די גרעסטע "מקור הרפואה" וואס עס איז נאר פאראנען אין אונזער גשמיות'דיגע וועלט איז, פון דעם הייליגן "שבת קודש" אליין, אזוי ווי מיר זאגן טאקע ביי דעם מי שברך פאר א חולה שבת קודש, אז: "שַׁבָּת הִיא מִלִּזְעוֹק" – אז שבת אליין שרייט און איז מתפלל פארן חולה, און דורך דעם: "וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא" – ברענגט דער אייבערשטער א רפואה פארן חולה.

ווייל שבת קודש איז די "מקור הרפואה" פאר א מענטש ברוחניות ובגשמיות, און ווען א מענטש היט אפ דעם שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס איז ער די גליקלעכ'סטע מענטש אויף דער וועלט, ווייל דער הייליגער שבת קודש וועט איהם צוריק אפ היטן.

אזוי ווי עס איז דאך באקאנט די מעשה מיט דעם הייליגן חפץ חיים זצ"ל, אז איינער איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים, און ער האט געוואלט באקומען א ברכה פון דעם חפץ חיים, ווייל ער האט געוואלט פארן קיין אמעריקא, און אין יענע צייט איז געווען גאר גאר שווערע נסיונות אין אמעריקא בנוגע דעם ענין פון שמירת שבת.

ווייל אין יענע צייטן איז נישט געווען אזא זאך אז מען קומט נישט אריין איין טאג פון די וואך צו די ארבעט, און אויב איז מען נישט אריין געקומען שבת צו די ארבעט, דעמאלט'ס האט מען פארלוירן די ארבעט אויפן ארט, און מען איז געבליבן אָן קיין ארבעט, און אָן קיין ארבעט האט געמיינט.. אָן קיין ברויט צו עסן, פשוט כפשוטו.

און ממילא איז דער יוד געקומען צום הייליגן חפץ חיים, און ער האט געבעטן דעם הייליגן חפץ חיים, אויב דער צדיק קען איהם געבן א ברכה פאר ער פארט ארויס קיין אמעריקא.

האט זיך דער הייליגער חפץ חיים אָן געגרופן צו דעם יוד: "שבת קודש".. און דער הייליגער חפץ חיים האט געשריגן נאך העכער, שבת קודש..! און נאך העכער, שבת קודש..!! ביז דער הייליגער חפץ חיים האט שוין געשריגן הויעך מיט זיין גאנצן כח.. שבת קודש..!!!

און דער חפץ חיים האט זיך געגעבן א רוף אָן צו דעם יוד, און ער האט איהם געזאגט אזוי, זאלסטו וויסן אז: "כִּי אֶשְׁמְרָה שַׁבָּת" – אויב היט מען אפ דעם "שבת קודש", דעמאלט'ס: "אֵ-ל יִשְׁמְרֵנִי" – דעמאלט'ס וועט דיר דער באשעפער אפ היטן, ווייל דורך שמירת שבת קודש, איז מען זוכה צו שמירה עליונה, עד כאן המעשה הנפלאה.

און ממילא מיט דעם קען מען טאקע בעסער פארשטיין דעם פשט וואס עס איז מרומז אין דעם פסוק פון: "אִם יָקוּם" וגו', ווייל די פסוק מיינט אזוי צו זאגן, אז: "אִם יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ" – אז אויב א מענטש וועט אויף שטיין שבת קודש, און ער וועט גיין אויפן גאס אליין, אָן קיין פערד און וואגן, און אָן קיין קאר, און אָן קיין באן, נאר ער וועט גיין: "עַל מִשְׁעַנְתּוֹ" – אויף זיין אייגענעם כח, [אזוי ווי רש"י הק' טייטש'ט

טאקע די ווערטער: "עַל מִשְׁעַנְתּוֹ", אז דאס מיינט צו זאגן: "עַל בּוֹרְיוֹ וְכוֹחוֹ" – אויף זיין אייגענעם כח, און ער וועט גיין אויפן גאס אליין אויף זיין אייגענעם כח אָן קיין שום חילול שבת, ווייל ער וויל זיין א שומר שבת.

דעמאלט'ס זאגט אונז די פסוק צו, אז עס וועט זיין דעמאלט'ס: "וְנִקָּה הַמַּכֶּה", און אלע מחלות בגוף ובנפש ובנשמה וועלן זיך אויס רייניגן פון דעם מענטש אין איין מינוט, פארוואס..?! ווייל ער איז דאך א: "שׁוֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת" – ווייל ער היט דאך שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, און ממילא וועט איהם דער אייבערשטער אוועק נעמען אלע זיינע וואונדן וואס ער האט געהאט ביז יעצט.

און מיין נישט אז דא האט זיך דאס גע'ענדיגט, ניין ניין ניין.. ווייל: רַק "שִׁבְתּוֹ יִתֵּן" – זיין "שמירת שבת" וועט איהם נאך צו געבן גאר א גרויסע שפע רב מיט השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.

און: "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" – און דער שבת קודש וועט איהם נאך אויס היילן א "רפואת הנפש", און א "רפואת הגוף", און ער וועט זוכה זיין צו אלע גוטע ברכות וואס דער הייליגער שבת קודש ברענגט אראפ מיט זיך, פארוואס..?! ווייל: "רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא" – ווייל נאר דער הייליגער שבת קודש קען משפיע זיין בסייעתא דשמיא א ריכטיגע רפואה פאר א חולה, ווייל: "שַׁבָּת הִיא מִלִּזְעוֹק וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא".

און דאס איז טאקע מרומז אין די ווערטער פון: "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" – איז דאך גימטריא: "אֵלִיָּהוּ" [מיטן כולל], און די נאמען: "אֵלִיָּהוּ" ווייזט דאך אויף רפואה, ווייל "אליהו הנביא" קומט דאך אראפ צו א יעדע ברית, און נאכן ברית, היילט אליהו הנביא אויס דעם קינד, און די פסוק וויל אונז דא מרמז זיין מיט דעם, אז דורך דעם וואס מען היט אפ דעם שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, קען מען זוכה זיין צו זעהן גאר גרויסע רפואות וישועות פאר סיי ועמען.

און דאס קומט טאקע אויך מרמז זיין, אז ווען יודישע קינדער וועלן אפ היטן דעם שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס וועלן מיר אלע בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין צו "אליהו הנביא" וואס וועט אונז בקרוב קומען מבשר זיין די גוטע בשורה וועגן די גאולה שלימה, און עס וועט שוין מקיום ווערן דעם תפילה וואס מיר בעטן שוין הונדערט'ער יארן, אז: שַׂמְּחֵנוּ יהו-ה אֱלֹקֵינוּ "בְּאֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא" עַבְדֶּךָ:

וְכִי יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר אוֹ כִּי יִכְרֶה אִישׁ בֹּר וְלֹא יְכַסֶּנּוּ וְנָפַל שָׁמָּה שּׁוֹר אוֹ חֲמוֹר.. בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם כֶּסֶף יָשִׁיב לִבְעָלָיו וְהַמֵּת יִהְיֶה לּוֹ: מיר זאגן א יעדן טאג ביי קריאת שמע, אז: "וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם "עַל לְבָבֶךָ" – אז די תורה הק' זאל זיין אויף דיין הארץ, אבער לכאורה איז שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל מען וואלט דאך לכאורה געדארפט זאגן, אז: וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם "בִּלְבָבֶךָ" – אז די תורה הק' זאל זיין אין דיין הארץ, נישט אויפ הארץ, וואס הייסט אז: "וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם "עַל לְבָבֶךָ" – אויף דיין הארץ..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז עס שטייט פון איינער פון די תלמידי הבעל שם טוב הק', אז טאקע דאס מיינט די פסוק דא, און די פסוק האט דוקא געשריבן די ווערטער: "עַל לְבָבֶךָ" און נישט: "בִּלְבָבֶךָ", ווייל אסאך מאל קען א מענטש שפירן ביי זיך, אז זיין הארץ איז איהם נעבעך אזוי מטומטום פון גשמיות און תאות עולם הזה, און דער מענטש קען דעמאלט'ס טראכטן ביי זיך, אז אויב מיין הארץ איז אזוי אָן געשטאפט מיט נישט גוטע זאכן, דעמאלט'ס קען דאך נישט אריין גיין דארט קיין תורה, נו.. וועט דער מענטש טראכטן דעמאלט'ס, אז.. שוין, איך קען שוין אויף הערן צו לערנען, ווייל די תורה הק' גייט דאך סיי ווי נישט אריין גיין אין מיין הארץ, ווייל איך האב דאך א פאר שטאפט'ע הארץ..?!

זאגט איהם אבער די תורה הק', אז.. הער נישט אויף צו לערנען די הייליגע תורה אפילו דו האסט אזא פאר שטאפט'ע הארץ, ווייל איך האב א עצה פאר דיר אויך, און די עצה איז, אז: "וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם "עַל לְבָבֶךָ" – אז לייג די גוטע ווערטער פון די תורה הק' וואס דו הערסט.. אויף

דיין הארץ: "עַל לְבָבֶךָ", און ווען עס וועט אָן קומען די מינוט, און דו וועסט האבן "פתיחת הלב", דעמאלט'ס וועט פון זיך אליין אריין פאלן די גוטע ווערטער אין דיין הארץ אריין.

ווייל סוף כל סוף וועט זיך עפענען דיין הארץ, ווייל ווען א יוד קומט צו א צדיק, דעמאלט'ס איז ער זוכה צו פתיחת הלב דורך די "כח הקדושה" פון דעם צדיק, און עס איז דא אמאל א מענטש וואס דער צדיק דארף איהם נאר אביסל אויף שטאפן זיין הארץ, ווייל ער האט פשוט געכאפט א קליינע גליטש אין די לעצטע תקופה, און ממילא דארף איהם נאר דער צדיק געבן א קליינע שטאפ אויף זיין הארץ, און אראפ נעמען די אלע גשמיות וואס ליגט אויף זיין הארץ, און נאך דעם קען שוין דער מענטש ווייטער שפירן א טעם אין עבודת השם יתברך.

אבער עס איז דא אמאל א מענטש, וואס דער צדיק דארף איהם אויף גראבן אזוי פיל, אז עס זעהט ממש אויס כאילו ער גראבט יעצט א נייע לאך פון דאס ניי, עד כדי כך.. איז דער מענטש נעבעך מגושם.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וְכִי יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר" וגו', ווייל מיר ווייסן דאך אלע, אז די ווארט: "אִישׁ" גייט דאך ארויף אויף א "צדיק", אזוי ווי עס שטייט טאקע אין פסוק אין פרשת בהעלותך, אז: "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה" עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, און ממילא זאגט אונז די פסוק, אז: "וְכִי יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר" – אז אויב א צדיק וועט אמאל עפענען א: "בּוֹר" – אויף שטאפן א גרוב וואס איז שוין געווען אמאל, (און מען קען ערקלערן דעם ווארט: "בּוֹר" על פי דאס וואס עס שטייט אין די משנה אין מסכת אבות, אז ר' יוחנן בן זכאי האט אויס גערעכנט די שבחים פון זיינע פינעף תלמידים, און ער האט געזאגט אויף ר' אליעזר בן הורקנוס, אז ר' אליעזר בן הורקנוס איז א: "בּוֹר סוּד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה", און די ברטנורא זאגט דארטן, אז די ווערטער: "שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה" מיינט, אז: "שאינו שוכח דבר אחד מתלמודו" – אז ער פארגעסט נישט דאס וואס ער האט געלערנט, זעהט מען פון דעם, אז די ווארט: "בּוֹר" נוצט מען אויף צו האלטן זאכן).

און דער סיבה פארוואס דער צדיק גראבט א גרוב איז דאך נאר, כדי אז די זאכן וואס ליגן אויפן הארץ פון דעם מענטש זאלן קענען אריין גיין אין דעם הארץ, און ממילא זאגט אונז די פסוק דא, אז: "וְכִי יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר" – אז ווען דער צדיק וועט אויף עפענען א בור פאר אזא איינעם וואס איז נאר אביסל מגושם מיט תאות עולם הזה וכדומה, אדער אויב: "אוֹ כִּי יִכְרֶה אִישׁ בֹּר" – אדער אויב דער צדיק וועט דארפן גראבן א נייע גרוב אין די הארץ פון א מענטש, ווייל דער מענטש וועט נעבעך זיין אזוי שטארק מגושם, און עס וועט אויס זעהן כאילו דער צדיק דארף יעצט אנהייבן צו גראבן פון דאס ניי, (און דא שטייט טאקע די ווארט: "בור" אָן קיין וא"ו, ווייל דער צווייטער מענטש איז דאך אסאך מער מגושם ווי דער ערשטער מענטש), אבער אין ביידע סארטן מענטשן שיינט דער צדיק אריין זיין גרויסן "כח הקדושה", און ער עפענט זיי צוריק אויף זייער הארץ.

אבער אויב זיי זענען נאריש'ע מענטשן, און ווען זיי וועלן אוועק גיין פון דעם צדיק: "וְלֹא יְכַסֶּנּוּ" – ווען זיי נישט איבער דעקן זייער הארץ מיט תורה און מצוות, דאס מיינט צו זאגן, אז זיי ווען נישט ארויף לייגן אויף זייער הארץ קיין תורה ומצוות ומעשים טובים וכדומה, און: "וְנָפַל שָׁמָּה", וואס די ווארט: "שָׁמָּה" – איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "מֹשֶׁה", [וואס א צדיק ווערט דאך אָן גערופן מיטן נאמען: "מֹשֶׁה" כידוע], און דאס מיינט צו זאגן, אז: "וְנָפַל שָׁמָּה" – אז עס וועט אוועק פאלן די גאנצע ארבעט פון דעם צדיק, און עס וועט אוועק פאלן די גאנצע השפעה פון דעם צדיק, און: "וְנָפַל שָׁמָּה" – און עס וועט אריין פאלן דארטן אנשטאדט דעם: "שׁוֹר אוֹ חֲמוֹר", דאס מיינט, "גשמיות" מיט תאות עולם הזה.

זאגט אונז דער פסוק, אז דער מענטש איז זיך אליין שולדיג, ווייל ווען ער איז אוועק געגאנגען פון דעם צדיק, האט ער גארנישט געטוהן מיט די השפעות וואס ער האט באקומען, נאר ער האט דאס געלאזט אויס וועפן אין די לופט אריין, און ער האט גארנישט ארויף געלייגט אויף זיין הארץ ווען ער איז אוועק געגאנגען פון דעם צדיק.

און וועמענ'ס חיסרון וועט דאס זיין..?! זאגט אונז די פסוק, אז ער זאל וויסן, אז: "בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם", און רש"י הק' זאגט טאקע אויף דעם די לשון, אז: "בעל התקלה ישלם" – אז דער מענטש וואס האט געהאט דעם דורך פאל.. ער וועט באצאלן דערפאר, און: "אף על פי שאין הבור שלו" – און אפילו די בור איז נישט זיין.

ווייל אין הכי נמי.. אז דער צדיק האט געמאכט דעם בור ביי דיר (ווייל ער האט דאך אויף געגראבן דעם בור אין דיין הארץ), אבער דורך דיר איז געשעהן די תקלה, און דער פרייז דערפון וועט זיין, אז: "כֶּסֶף יָשִׁיב לִבְעָלָיו" – אז ער וועט ארויף ברענגען מיט זיך אויף יענע וועלט צום הייליגן באשעפער "כסף וזהב" – אָן געפילט'ע זעקל'עך פון גשמיות, אזוי ווי רש"י הק' זאגט אונז טאקע דעם לשון: "שוה כסף", ווייל.. יא, ער וועט מיט ברענגען מיט זיך טויזנט'ער הייזער ווערד פון מליונ'ע דולאר'ן.

אבער.. וואס קען ער דען טוהן מיט טויזנט'ער הייזער ווערד פון מליונ'ע דולאר'ן אויף יענע וועלט..?! גארנישט, ווייל אויף יענע וועלט האט דאס בכלל נישט קיין ווערד, און ממילא ענדיגט די פסוק צו דעם פסוק, און די פסוק זאגט איהם, אז: "וְהַמֵּת יִהְיֶה לּוֹ" – אז די חיסרון וועט זיין זיינע.

ווייל ער וואלט געדארפט גלייך גיין נאכן אוועק גיין פון דעם צדיק, און ארויף לייגן אויף זיין הארץ תורה ומצוות ומעשים טובים, ווייל א יוד דארף שטענדיג געדענקען, אז ווען מען גייט אוועק פון א צדיק, דעמאלט'ס דארף מען מיט נעמען מיט זיך די אלע גוטע זאכן וואס מען האט קונה געווען ביי דעם צדיק, און מען דארף מאכן פון דעם א כלי, און דאס אויס נוצן אויפן ריכטיג'ן וועג.

אזוי ווי דוד המלך זאגט אונז טאקע אין זיין ספר תהלים, אז: "לְכוּ בָנִים" – אז ווען ענק גייען אוועק פון דעם צדיק, דעמאלט'ס: "שִׁמְעוּ לִי" – דעמאלט'ס זאל ענק נאך אלץ קלונגען אין די אויער'ן דאס וואס איר האט געהערט ביי דעם צדיק, און אזא: "יִרְאַת יהו-ה".. "אֲלַמֶּדְכֶם" – טוה איך ענק אויס לערנען, ווייל איך וויל ענק אויס לערנען, צו האבן יראת שמים ווען איר גייט אוועק פון דעם "צדיק", און איך וויל, אז ווען ענק גייען אוועק פון דעם צדיק, זאל ענק נאך קלונגען אין די אויער'ן וואס ענק האבן געהערט ביי דעם "צדיק אמת":

אִם בַּמַּחְתֶּרֶת יִמָּצֵא הַגַּנָּב וְהֻכָּה וָמֵת אֵין לוֹ דָּמִים: רש"י זאגט, אז "אין זו רציחה, הרי הוא כמת מעיקרו", און עס שטייט אין חז"ל, אז אין א בית המדרש וואס מען רעדט ביים דאווענען, קען נישט ארויף גיין זייערע תפילות צום הייליגן באשעפער רח"ל, ווייל ווען עס איז דא מענטשן וואס רעדן אין א געוויסע בית המדרש בשעת'ן דאווענען, דעמאלט'ס שטערט דאס פאר די גאנצע מנין דארטן.

און אזוי אויך שטייט אין דעם הייליגן זוהר הק', אז ווער עס רעדט בשעת'ן דאווענען, איז: "אין לו חלק באלקי ישראל" רח"ל, און די זוהר הק' שרייבט ווייטער גאר גאר שארף אויף אזא איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען.

און עס איז דאך אויך באקאנט וואס עס שטייט אין די ספרים הק', אז איינער פון די טעמים פארוואס מען מעג אָן שרייען איינער וואס רעדט ביים דאווענען איז, ווייל אויב איינער רעדט ביים דאווענען, דעמאלט'ס שטערט ער דאך אלע תפילות פון דעם גאנצן מנין ארויף צו גיין אויבן אין הימל, און ממילא איז ער א פשוט'ע גזלן, ווייל ער גזל'ט דאך אוועק אלע מיינע תפילות ובקשות וואס איך בעט זיך אזוי שטארק אויס ביים הייליגן באשעפער.

און ער איז נאך אפילו ערגער פון א גזלן, ווייל א גזלן נעמט סך הכל אוועק מיין געלט – מיין "גשמיות", אבער ער.. נעמט דאך אוועק אלע מיינע טייערע תפילות וואס איך דאווען צו דעם: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און ער נעמט פשוט אוועק מיין "רוחניות", און ממילא וועגן דעם איז ער אסאך אסאך ערגער ווי א פשוט'ע גזלן, ווייל: "הרי הוא גוזל את הרבים" – ווייל דער מענטש וואס רעדט ביים

דאווענען איז דאך א: "גוזל את הרבים", און ער איז דאך א: "הבא להרגך ברוחניות ובגשמיות", ווייל דיינע תפילות קענען דאך נישט נתקבל ווערן אזוי.

און ממילא וועגן דעם איז דא די מצוה פון: "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" – אז דו זאלסט דאס נישט צו לאזן ח"ו, נאר דו זאלסט מקיים זיין דאס וואס עס שטייט אין שולחן ערוך, אז: "וגוערין בו" – אז מען דארף אָן שרייען אזא איינער וואס רעדט אינמיטן חזרת הש"ץ, און דו זאלסט צו גיין צו איהם, און איהם מוסר'ן אויף א שיינעם אופן.

און דאס קען זיין איז מרומז אין די ווערטער פון רש"י הק': "כַּאן לְמַדְתְּךָ תּוֹרָה" וכו', ווייל רש"י הק' וויל אונז דא מרמז זיין אזוי, אז: "כַּאן לְמַדְתְּךָ תּוֹרָה" – אז די תורה הק' וויל אונז דא אויס לערנען, אז: "אם בא להרגך השכם להרגו", דאס מיינט צו זאגן, אז אויב איינער רעדט יא ח"ו בשעת'ן דאווענען, דעמאלט'ס קענען דאך נישט דיינע תפילות ארויף גיין צום כסא הכבוד, און עס קומט דאך אויס דעמאלט'ס, אז: "הרי הוא גוזל את הרבים" – אז דער מענטש וואס רעדט יא, גאנבעט צו דיינע תפילות, און ער איז א פשוט'ע: "הבא להרגך" – ברוחניות ובגשמיות, ווייל דיינע תפילות קענען דאך ליידער נישט נתקבל ווערן אזוי, און ממילא זאגט אונז די פסוק, אז: "השכם להרגו" – אז גיי די פריער, און טוה איהם באזיגן, און מאך זיכער אז ער זאל אויף הערן צו רעדן, איי.. וועט איינער פרעגן, פארוואס..?!

ענטפערט רש"י הק' די תירוץ אויף דעם מיט די ווערטער ווייטער, און רש"י הק' זאגט, ווייל: "**ש**אין **א**דם **מ**עמיד **ע**צמו **ו**רואה **ש**נוטלין **מ**מונו **ב**פניו" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "אֶשְׁמַע מוֹשָׁב" – ווייל וועל איך דען הערן א "מושב לצים" פון אונטער מיר וואס רעדט אינמיטן דאווענען..?! און איך וועל צו זעהן ווי: "שנוטלין ממונו" – ווי מען נעמט אוועק פון מיר די טייער'סטע זאך וואס איך האב נאר אויף דער וועלט, מיינע טייערע רגעים וואס איך קען זיך אויס רעדן צו מיין טאטן אין הימל, און נאך דערצו, ווען מען נעמט מיר אוועק אלע מיינע טייערע בקשות וואס איך בעט זיך אויס "ברוחניות ובגשמיות".. און: "ושותק" – און איך וועל דען שווייגן..?! ניין..! בשום אין אופן נישט, נאר עס ליגט דאך אוודאי א חיוב אויף אלע מתפללי בית המדרש צו גיין מוסר'ן דער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען, און מקיים זיין דעם מצוה פון: "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", און: "וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא", און מען דארף צו גיין צו דעם מענטש, און איהם זאגן מיט ווייעכ'ע ווערטער, אז מען טאר נישט רעדן בשעת'ן דאווענען.

און רש"י הק' פירט אויס זיינע ווערטער, און רש"י הק' זאגט, אז: "לפיכך", די ווארט: "לפיכך" איז דאך צוזאם צוזאם געשטעלט פון צוויי ווערטער: "לְפִי כַּךְ" – אזוי נוצטו דיין מויל וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן..?! דער אייבערשטער האט דיר דאך געגעבן דיין מויל כדי אז דו זאלסט זיין העכער ווי אלע אנדערע בריאים, און דו זאלסט זיין א "מְדַבֵּר"..?! און מיט דעם אלעמען: "לְפִי כַּךְ" – פירסטו זיך אויף מיט דיין מויל אזוי..?!

און רש"י הק' זאגט ווייטער, אז: "על מנת כן הוא בא" – אז אויף דעם חשבון ביזטו געקומען אין בית המדרש.. כדי צו בוגד זיין אין דעם: "בָּא" – אין דעם אל"ף בי"ת פון א יוד..?! [ווייל די הייליגע זוהר הק' זאגט דאך אויף איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען אז: אין לו חלק באלקי ישראל רח"ל, און ממילא קומט דאך אויס אז דאס איז די אל"ף בי"ת פון א יוד].

און רש"י הק' זאגט ווייטער, אז: "**ש**אם **י**עמוד **ב**על **ה**ממון" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "שִׁיבָה" – וואס דאס איז דאך די ראשי תיבות פון דעם באקאנט'ן ווארט וואס אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט אז: "**ש**תיקה **י**פה **ב**שעת **ה**תפילה", און דער הלכה פון: "שתיקה יפה בשעת התפילה" געפונט זיך דאך: "כנגדו" – אנטקעגן איבער איהם, ווייל ער דאווענט דאך יעצט, און אפילו אזוי רעדט ער נאך אלץ..?! זאגט רש"י הק' ווייטער, אז: "תהרגנו", דאס מיינט, גיי דו פריער, און טוה איהם באזיגן, און מוסר איהם אויף דעם, און זיי מקיים די מצוה פון "תוכחה", און נעם אוועק די שלעכטע'ס פון איהם:

כִּי תֵצֵא אֵשׁ וּמָצְאָה קֹצִים וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ אוֹ הַקָּמָה אוֹ הַשָּׂדֶה שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת הַבְּעֵרָה: מיר בעטן ביי שמונה עשרה דריי מאל א טאג די ווערטער: "רְצֵה יהו-ה אֱלֹקֵינוּ בְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל" – אז דער אייבערשטער זאל באוויליגן די יודישע קינדער, און: "וְלִתְפִלָּתָם שְׁעֵה" וכו' – און ער זאל זיך קערן צו זייערע תפילות, אבער: "וְאִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל" – אבער די ברען פון די יודישע קינדער.. וואס קומט צוזאמען מיט: "וּתְפִלָּתָם" – צוזאמען מיט א ווארימ'ע תפילה, דאס.. "מְהֵרָה בְּאַהֲבָה תְקַבֵּל בְּרָצוֹן" – דאס ווערסטו גאר שנעל אָן נעמען אויבן אין הימל, און נישט נאר אז דו ווערסט אָן נעמען שנעל א תפילה וואס קומט מיט א ברען, נאר: "בְּאַהֲבָה תְקַבֵּל בְּרָצוֹן" – נאר דו ווערסט דאס אָן נעמען מיט א מורא'דיגע "חיבה יתירה" – מיט א מורא'דיגע שטארקע ליבשאפט.

ווייל עס ליגט דאך אין דעם די טייערסט'ע זאך וואס עס איז נאר דא ביים אייבערשטן, וואס דאס הייסט, "לב ישראל" – די הארץ פון א יוד, און מיר ווייסן דאך אלע, אז דער אייבערשטער דארף נאר איין זאך פון א יוד, זיין הארץ – זיין כוונה בשעת ווען ער טוט דעם רצון השם, אזוי ווי חז"ל זאגן אונז שוין, אז: "רחמנא ליבא בעי" – אז דער אייבערשטער דארף נאר דאס הארץ פון א יוד, און ממילא וועגן דעם: "וּתְהִי לְרָצוֹן תָּמִיד" – וועט אזא תפילה זיין: "לְרָצוֹן תָּמִיד", ווייל עס איז דאך דא אין דעם א ברען, און א גרויסע "אהבה" צום אייבערשטן, און ממילא ווען דער אייבערשטער זעהט דעם: "שֶׁחוֹלַת אַהֲבָה אָנִי" ביי א מענטש, און ער זעהט ווי דער מענטש גייט אויס פארן אייבערשטן, דעמאלט'ס ווערט זיין תפילה: מְהֵרָה "בְּאַהֲבָה" תְקַבֵּל בְּרָצוֹן – דעמאלט'ס ווערט זיין תפילה אסאך אסאך שנעלער אָן גענומען ביים אייבערשטן, און מיט אסאך מער "אהבה".

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "כִּי תֵצֵא אֵשׁ" וגו', ווייל די פסוק זאגט אונז אזוי, אז: "כִּי תֵצֵא אֵשׁ" – אז ווען עס גייט אמאל ארויס פון א יוד א פלאם פייער ביים דאווענען, דעמאלט'ס: "וּמָצְאָה קֹצִים" – דעמאלט'ס נעמט דער אייבערשטער דעם פייער, און ער פאר ברענט מיט דעם אלע מקטריגים און אלע שלעכטע מלאכים וואס ווילן רעדן שלעכט'ס אויף דעם מענטש, און: "וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ" – און דורך דעם קומט אראפ "פרנסה בריוח", און עס וועט קומען גאר א גרויסע שפע מן השמים פאר א יעדעם איינעם באזונדער, און: "אוֹ הַקָּמָה אוֹ הַשָּׂדֶה", דאס מיינט צו זאגן, אז עס וועט זיין גאר א גרויסע שפע פאר יעדעם איינעם לפי דאס וואס ער דארף האבן, און: "וִימַלֵּא יהו-ה כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה".

וועט איינער אבער פרעגן, פון וואו איז טאקע ארויס געקומען אזא גרויסן פלאם פייער פון א מענטש ביים דאווענען וואס האט פאר ברענט אזוי פיל מקטריגים און אראפ געברענגט אזא גרויסע שפע אויף דער וועלט..?! פון וואו האט דער מענטש קונה געווען אזא פלאם פייער..?! וועגן דעם זאגט די פסוק, אז דו ווייסט פון וואו עס איז ארויס געקומען אזא גרויסן פלאם פייער..?! פון: "שַׁלֵּ**ם** יְשַׁלֵּ**ם** הַמַּבְעִ**ר** אֶ**ת** הַבְּעֵרָ**ה**" – וואס די ווערטער איז דאך סופי תיבות: "מֵהַתָּמָר" – פון דעם צדיק וואס ווערט אָן גערופן: "תָּמָר", אזוי ווי דוד המלך שרייבט שוין אין זיין תהלים, אז: "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח".

ווייל דורך דעם וואס מען גייט צו א צדיק, און מען קוקט זיך צו ווי אזוי א צדיק דאווענט, דעמאלט'ס קען מען קונה זיין עבודת התפילה און אסאך יראת שמים, און מען אויך קונה זיין א פונק צו קענען דאווענען מיט א התלהבות, און רש"י הק' ענדיגט טאקע צו מיט די ווערטער, אז: "אף על פי שהדליק בתוך שלו" – אז אפילו דער צדיק האט נאר געהאט התלהבות ביי זיך אין זיין דאווענען, אבער: אף על פי כן.. "והיא יצאה מעצמה" – אבער אפילו הכי.. איז די השפעה ארויס געגאנגען פון זיך אליין אויף אלע ארומיג'ע מענטשן וואס געפונען זיך דארטן, און א יעדער איינער וואס געפונט זיך דארטן קען דעמאלט'ס קונה זיין אסאך יראת שמים:

אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ: די פסוק וויל אונז דא ארויס ברענגען א מורא'דיגע נקודה, אז פארוואס טאקע וועט דער אייבערשטער אויס הערן דעם אלמנה מיט דעם יתום אויב זיי וועלן שרייען צו איהם, און דער אייבערשטער וועט גלייך אויס הערן זייער געשריי..?! די תירוץ אויף

דעם איז, ווייל זיי האבן דאך נישט צו וועמען צו שרייען, און ממילא איז עס: "כִּי" אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי – שרייט זיי נאר צו מיר, און אויב א מענטש בעט "נאר" דעם אייבערשטן, אָן קיין שום אנדערע נגיעה אז.. יענער וועט מיר שוין העלפן, אדער אז יענער וועט מיר שוין העלפן, דעמאלט'ס נעמט דער אייבערשטער גלייך אָן זיינע בקשות, אזוי זאגן די ספרים הק'.

און די טעם פון דעם איז, ווייל ווען א מענטש בעט דעם אייבערשטן א געוויסע בקשה, און ער זאגט א תפילה צום אייבערשטן, אבער אין הארץ טראכט ער נאך עפעס, אז.. דער מענטש וועט מיר שוין זיכער העלפן, אדער אז יענער מענטש וועט מיר שוין זיכער קענען העלפן, און ביי איהם אין קאפ טראכט ער, אז דאס וואס ער בעט יעצט דעם אייבערשטן איז נאר.. נאך א אדרעסס וואו צו גיין, דעמאלט'ס זאגט איהם דער אייבערשטער, אז אויב דו ווינקס'ט נאך מיט דיין אויג פאר א צווייטן אז ער זאל דיר העלפן, דעמאלט'ס גיי צו איהם, און בעט איהם אז ער זאל דיר העלפן.

אבער ווען א יוד קומט נאר צום אייבערשטן, און ער קומט צום אייבערשטן אויף א בחינה פון: "כִּי" אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי – און ער דאווענט: "בלתי לה' לבדו" – נאר צום הייליגן באשעפער, און ער שרייט צום אייבערשטן: "אָנָּא יהו-ה הוֹשִׁיעָה נָּא" – העלף מיר הייליגער באשעפער, ווייל נאר דו קענסט מיר העלפן, און: "כִּי לְךָ לְבַד עֵינֵינוּ תְּלוּיוֹת", דעמאלט'ס העלפט איהם דער אייבערשטער גלייך, אזוי ווי עס שטייט טאקע אין פסוק, אז: "שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ":

אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנֹשֶׁה וגו': רש"י הק' איז מסביר די ווערטער: "אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ", און רש"י הק' זאגט, אז: "הוי מסתכל בעצמך כאילו אתה העני" – אז קוק דיר אָן אזוי ווי דו ביזט דער ארימאן, און ממילא וועסטו שוין נישט צו קומען צו נעמען ריבית.

אבער לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין די ווערטער, ווייל ווי אזוי איז בכלל מעגליך אזא זאך.?! ווי אזוי קען מען צו גיין צו א מענטש וואס איז אייביג געווען א גרויסע עושר, און איהם זאגן: "הוי מסתכל בעצמך כאילו אתה העני" – אז קוק דיר אָן כאילו דו ביזט א ארימאן, ער וועט דאך קיינמאל נישט פארשטיין וואס דו ווילס'ט פון איהם..?! ווייל ווי אזוי קען זיך א עושר אָן קוקען כאילו ער איז א ארימאן..?! ער האט נאך קיינמאל נישט אפילו טועם געווען די טעם פון עניות..?! און ער שטייט דאך דא מיט זיינע גביר'ישע קליידער, און ממילא וואס איז פשט פון די ווערטער: "הוי מסתכל בעצמך כאילו אתה העני"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די כוונה פון רש"י הק' איז געווען דא, אז: "**הוי מ**סתכל **ב**עצמך **כ**אילו" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "מַה בְּךָ" – קוק נאר וואס טוט זיך אין דיר, דאס מיינט צו זאגן אזוי, אז עס קען טאקע זיין אז אין "גשמיות" ביזטו גרעסער ווי דיין חבר, ווייל.. יא, דו האסט דאך אזא שיינע גרויסע הויז, און דו האסט דאך אזא שיינע שניפס'ל, אבער אפשר אין רוחניות איז דער ארימאן אסאך אסאך גרעסער ווי דיר, ווייל עס קען דאך זיין אז דער ארימאן איז אסאך א גרעסער'ע תלמיד חכם ווי דיר, אדער אסאך א גרעסער'ע ירא שמים ווי דיר, און ממילא זאגט רש"י הק' פאר דעם עושר, אז איינמאל דו קוקס'ט אריין: "מַה בְּךָ" – וואס טוט זיך אין דיר – אין דיין "חלק הרוחני", דעמאלט'ס קען גאר זיין אז: "אתה העני" – אז דו ביזט דער ארימאן דא, און נישט דיין חבר, ווייל ווען דו קוקס'ט אריין אין דיין "חלק הרוחני" אנטקעגן דעם יוד, דעמאלט'ס ביזטו דאך דער ארימאן דא, ווייל אין רוחניות איז ער דאך אסאך אסאך גרעסער ווי דיר.

און ממילא דאס איז דער געדאנק, ווייל אויב דו וועסט שטענדיג אזוי טראכטן, דעמאלט'ס וועסטו שוין נישט צו קומען צו קיין ריבית, ווייל דעמאלט'ס וועסטו שוין פארשטיין, אז א עושר איז נישט דער גרעסטע זאך אויף דער וועלט, ווייל א תלמיד חכם איז דאך אסאך אסאך חשוב'ער ווי א עושר, ווייל ער איז דאך: "דבוק בתורה ראשו ורובו":

וַעֲבַדְתֶּם אֵת יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ: די ווערטער: "**וַעֲבַדְתֶּם אֵת** יהו-ה" – איז ראשי תיבות: "אַיּוֹ", ווייל חז"ל זאגן דאך אונז, אז דער אייבערשטער האלט און איין פרעגן פון כלל ישראל, אז: "אַיּוֹ" – וואו איז משיח צדקינו..?! "אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ"..?! פארוואס איז משיח נאך נישט געקומען?! און די כוונה פון דעם איז, אז פארוואס האבן ענק נאך נישט תשובה געטוהן..?!

און ווער פרעגט דער קשיא: "אֱלֹקֵיכֶם" – ענקער גאט – דער הייליגער באשעפער, ענטפער'ן די יודישע קינדער פארן הייליגן באשעפער, ווייל: "**וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ**" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "וּלְאוֹם", און עס איז דאך באקאנט, אז רש"י הק' זאגט אויף א פלאץ, אז: "אין לְאוֹם אלא מלכות" – אז די ווארט: "לְאוֹם" גייט ארויף אויף עפעס א "מלכות", און ממילא ענטפער'ן די יודישע קינדער פארן הייליגן באשעפער, אז וואס קענען מיר טוהן..?! די שעבוד מלכות איז אונז דאך מעכב פון תשובה טוהן פאר דיר..?! ווייל דורך דעם וואס מיר געפונען זיך אין אזא שווער'ן דור מיט אזעלכע שווערע נסיונות, איז אונז גאר גאר שווער ארויס צו קריכען פון וואו מיר געפונען זיך, און צוריק קומען צו דיר, ווייל די נסיונות פון דעם דור זענען דאך גאר גאר שטארק..?!

און אז מען רעדט שוין פון דעם ענין, אז כדי צו דערמאנען נאך א געוויסע נקודה, אז עס איז דא א באקאנט'ע ווארט וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הק', אז דער אייבערשטער טענה'עט זיך (כביכול) מיט די יודישע קינדער, ווייל דער אייבערשטער טענה'עט פאר די יודישע קינדער, אז: "שׁוּבָה" ישראל עד יהו-ה אלקיך" – אז די יודישע קינדער דארפן קודם תשובה טוהן ביז דעם אייבערשטן, און שפעטער וועט זיי שוין דער אייבערשטער צו העלפן אז זיי זאלן קענען אינגאנצן צוריק קומען און נתקרב ווערן צום אייבערשטן.

אבער די יודישע קינדער טענה'נען אז.. ניין, קודם דארף דער אייבערשטער אונז צו העלפן, און נאך דעם וועלן מיר קענען אינגאנצן תשובה טוהן, ווייל מיר זענען דאך אזוי איין געזינקען אין אונזערע תאות עולם הזה.. אז מיר קענען דאס ביסל אויך נישט, און מיר טענה'נען פארן אייבערשטן, אז דער אייבערשטער דארף אונז קודם צוריק ברענגען צו איהם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אז: "הֲשִׁיבֵנוּ יהו-ה אֵלֶיךָ" – אז קודם קער אונז צוריק צו דיר הייליגער באשעפער, און ערשט נאך דעם: "וְנָשׁוּבָה" – וועלן מיר קענען תשובה טוהן בתשובה שלימה פאר דיר.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אין די ספרים הק', אז דער אייבערשטער וועט געבן געוועכט פאר די יודישע קינדער, און ער וועט קודם טוהן זיין חלק פון: "וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ", און ער וועט ארויס נעמען דעם יצר הרע פון צווישן אונז [וואס ווערט אָן גערופן "מחלה"], און דורך דעם וועלן די יודישע קינדער ווערן העכער און העכער, און זיי וועלן ווערן אסאך אסאך שטערקער ווי דעם כח פון דעם יצר הרע.

און עס שטייט דאך טאקע אין חז"ל אויף דעם פסוק פון: "וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ" אז: "כשזה קם זה נופל" – אז ווען די מלכות פון עשיו וועט ווערן קלענער, דעמאלט'ס וועט די מלכות פון יעקב ווערן גרעסער, און ווען דו מלכות פון יעקב אבינו וועט ווערן גרעסער און גרעסער און איבער שטייגן די מלכות פון עשיו, דעמאלט'ס וועט דאס צו ברענגען די גאולה שלימה, און עס וועט שוין מקיום ווערן דעם: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרָם וְיָסִיר מֵהֶם כָּל מַחֲלָה":

אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נִשָּׂא וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא וּבְצֶדֶק הֶגֶה עֶרֶךְ כִּי תִשָּׂא וכו': די ספרים הק' פרעגן, אז פארוואס האט מען געדארפט ברענגען א: "מַחֲצִית" הַשֶּׁקֶל – פארוואס האט מען געדארפט ברענגען א "האלבע" שקל, פארוואס האט מען נישט געברענגט א "גאנצע" שקל..?! און די ספרים הק' ענטפער'ן אויף דעם א מורא'דיגע תירוץ, און די ספרים הק' זאגן אונז אויף דעם, אז די סיבה פארוואס מען האט נאר געברענגט א "האלבע" שקל איז געווען, כדי צו ווייזן, אז איך בין נאר א "האלבע", און נאר ווען איך שטעל זיך צוזאמען מיט מיין חבר ווער איך א "גאנצע", און דאס איז דאך די יסוד פון יודיש'קייט, אז

מען זאל שפירן דעם: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" אויפן העכסט'ן דרגה, און אז מען זאל אוועק גענבן א האלב פון זיך פאר יענעם, ווייל ווען יודישע קינדער האלטן זיך צוזאמען: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", דעמאלט'ס איז דאך דאס מקרב די גאולה שלימה.

און יעצט – ווען די הייליגע בית המקדש איז נישט דא, זענען מיר מקיים דעם: "קריאה מעורר את הזמן", און מיר געבן א: "מַחֲצִית" הַשֶּׁקֶל פאר צדקה אלץ א זכר צו די אמת'ע: "מַחֲצִית" הַשֶּׁקֶל וואס מען האט געגעבן אין דעם הייליגן בית המקדש בזמן שבית המקדש היה קים.

און דער ענין פון: "אַחְדוּת" איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פיוט פון: "אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נָשָׂא" וגו' וואס מיר זאגן אלע שבת שקלים ביי די תפילת המוספין, ווייל מיר זאגן דאך שוין אלע שבת שקלים ביי די תפילת המוספין דעם לשון, אז: "וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא" – אז איך ועל טראגן א "שקל" אין דעם הייליגן בית המקדש לעתיד לבא, איז דאך אבער לכאורה שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל וואס הייסט אז: "וְשֶׁקֶל" אֶשָּׂא – וואס הייסט אז איך וועל טראגן א "שקל" אין דעם הייליגן בית המקדש, עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין דא אז: "וּמַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" אֶשָּׂא – עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין דא אז איך וועל טראגן א "האלבע" שקל אין דעם הייליגן בית המקדש..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז.. ניין, עס איז בכלל נישט קיין טעות דא, נאר דוקא: "וְשֶׁקֶל" אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא, ווייל ווען א יודיש קינד פירט זיך אויף: "בְּאַחְדוּת" מיט זיין חבר: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און ער שטעלט צוזאם זיין "האלבע" שקל מיט זיין חבר'ס "האלבע" שקל, און ער שטעלט צוזאם זיין הארץ מיט די הארץ פון זיין חבר, און זיי שפירן טאקע באמת ווי איינס, האט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גאר גאר א גרויסע נחת רוח פון דעם, און דער "שקל" איז דעמאלט'ס עולה עד למעלה, און עס ווערט דעמאלט'ס א הייליגע "שטיין" פאר דעם הייליגן בית המקדש השלישי וואס וועט בקרוב אראפ קומען פון הימל אין פייער.

און ממילא וועגן דעם זאגן מיר טאקע דעם לשון: "וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא", ווייל ווען יודישע קינדער האלטן זיך צוזאמען: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און זיי שטעלן צוזאם זייערע צוויי האלבע שקלים איינער מיטן צווייטן, ווערט דעמאלט'ס די ביידע שקלים פון די צוויי יודן איין גרויסע "שקל", און דער הייליגער "שקל" ווערט דעמאלט'ס א הייליגע שטיין פאר דעם הייליגן בית המקדש השלישי.

ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די צווייטע בית המקדש איז דאך נאר חרוב געווארן וועגן "שנאת חינם", און ממילא א יעדע ביסל "אהבת חינם" וואס עס איז נאר פאראהאנען ביי אונז, בויעט אויף דעם הייליגן בית המקדש השלישי, און א יעדע ביסל "אהבת ישראל" וואס עס איז נאר פאראהאנען ביי אונז, ווערט א שטיין פארן הייליגן: "בַּיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא" וואס וועט בקרוב אראפ קומען אין פייער פלאמען, און נאר דורך א אמת'ע: "כֹּחַ הָאַחְדוּת" קען מען זוכה זיין אראפ צו ברענגען א פייער'דיגע בית המקדש השלישי פון הימל.

און ממילא דאס זאגן מיר דא, אז: "וְשֶׁקֶל" – און דער: "שֶׁקֶל" וואס איז צוזאם געשטעלט געווארן דורך די צוויי יודישע קינדער וואס האבן זיך באמת ליב געהאט איינער דעם צווייטן מיט א אמת'ע "אהבת ישראל", דאס וועט ווערן: "אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן" – דאס וועט ווערן א הייליגע שטיין פארן הייליגן בית המקדש השלישי, און די ווערטער: "**אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן**" – איז דאך טאקע ראשי תיבות: "אֶבֶן", ווייל.. יא, דוקא דער: "וְשֶׁקֶל" וואס איז געבויעט געווארן פון "אהבת ישראל" פון צוויי יודישע קינדער.. דוקא דאס וועט ווערן: "**אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן**" – דוקא דאס וועט ווערן א הייליגע שטיין פאר דעם הייליגן קומענדיג'ן בית המקדש השלישי וואס וועט בקרוב געבויעט ווערן.

און מיר זעהען דאך שוין טאקע ביי די פרשה פן די חלום פון יעקב אבינו אין פרשת ויצא, אז אלע שטיינער וואס זענען געוועזן ארום די קאפ פון יעקב אבינו זענען דעמאלט'ס געווארן איין גרויסע שטיין,

אבער איין מינוט, ווי אזוי זענען זיי דעמאלט'ס געווארן איין גרויסע שטיין..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז זיי זענען דעמאלט'ס געווארן איין גרויסע שטיין דורך די: "כֹּחַ הָאַחְדוּת" וואס האט געהערש'ט צווישן זיי, אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין חז"ל, און דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דארטן אין פרשת ויצא (קפיטל כ"ח פסוק י"ח), אז: "וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר" – אז יעקב אבינו איז אויף געשטאנען אינדערפרי נאכן חלום, און: וַיִּקַּח אֶת "הָאֶבֶן" וגו' – און ער האט גענומען דעם איין שטיין וואס איז געווארן איין שטיין דורך די: "כֹּחַ הָאַחְדוּת" פון די אלע שטיינער וואס זענען געווען דארטן, און: "וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה" – און יעקב אבינו האט דעמאלט'ס געלייגט דעם ערשט'ן: "אֶבֶן הַפִּנָּה" פארן הייליגן בית המקדש, און: "וַיִּצֹק שֶׁמֶן עַל רֹאשָׁהּ" – און ער האט דעמאלט'ס געגאסן אויל אויף איר.

און יעקב אבינו האט זיך טאקע שפעטער אָן גערופן און געזאגט, אז: "וְהָאֶבֶן" הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה וגו' – אז פון די איין שטיין וואס איז געווארן איין שטיין פון א: "כֹּחַ הָאַחְדוּת".. וועט נאך: "יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים" – וועט נאך איין טאג ווערן א הייליגע "בית המקדש" וואס וועט זיין א: "מקום להעלות תפילתינו השמימה", ווייל יא טייערע יודן, פון דעם ווערט א הייליגע "בית המקדש", פון אביסעל'ע: "אַחְדוּת", און ווען עס איז דא אביסעל'ע: "אַחְדוּת", ווערט דעמאלט'ס אויפן פלאץ א צייט פון "קבלת התפילות", און יא טייערע יודן, איר זאלט וויסן, אז: "וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם" – אז דאס איז די שליסל צום: "שַׁעַר הַשָּׁמָיִם", וואס..?! אביסעל'ע: "אַחְדוּת" צווישן יודישע קינדער.

און מיר זאגן דא ווייטער שבת שקלים פארן הייליגן באשעפער, אז.. הייליגער טאטע אין הימל, אויב מיר פירן זיך טאקע אויף אזוי: "בְּאַחְדוּת", דעמאלט'ס זאגן מיר דיר הייליגער טאטע אין הימל, אז: "וּבְצֶדֶק" – אז מיט "גערעכטיקייט" דארפסטו שוין רחמנות האבן אויף דיין ליבער פאלק: "יִשְׂרָאֵל", און מיט "גערעכטיקייט" דארפסטו זיך שוין פירן מיט אונז מיט: "הֶגֶה" – און מיט גערעכטיקייט דארפסטו זיך שוין פירן מיט אונז מיט די: "שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ שֶׁל רַחֲמִים", ווייל די ווארט: "הֶגֶה" – איז דאך גימטריא: י"ג, און דאס גייט דאך ארויף אויף די: "שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ שֶׁל רַחֲמִים", ווייל מיר זאגן דא פארן הייליגן באשעפער, אז מיט "גערעכטיקייט" דארף שוין דער גרויסער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" רחמנות האבן אויף זיין ליבער פאלק: "יִשְׂרָאֵל", און מיט "גערעכטיקייט" דארף שוין דער גרויסער: "אֵ-ל רַחוּם וְחַנּוּן" ליינען אויף זיין ליבער פאלק: "יִשְׂרָאֵל" די: "שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ שֶׁל רַחֲמִים", ווייל זיי פירן זיך דאך אויף אזוי: "בְּאַחְדוּת" איינער צום צווייטן, און זיי האבן זיך דאך ליב איינער דעם צווייטן, און זיי האבן דאך רחמנות איינער אויפן צווייטן.

און ממילא וועגן דעם דארף שוין אונזער גרויסער טאטע אין הימל אויך רחמנות האבן אויף זיין ליבער פאלק: "יִשְׂרָאֵל" און זיי ארויס ווייזן זיין רחמנות, און זיי באגיסן מיט: "הַשְׁפָּעוֹת חֲסָדִים וְרַחֲמִים", ווייל אויב מיר פירן זיך אויף: "בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", דעמאלט'ס: "עֵרֶךְ" – דעמאלט'ס זענען מיר דאך שוין איינמאל ווערד: "כִּי תִשָּׂא" – דערהויבן צו ווערן, און אויב מיר האבן זיך טאקע באמת ליב איינער דעם צווייטן, דעמאלט'ס: "עֵרֶךְ" – דעמאלט'ס זענען מיר דאך שוין איינמאל ווערד: "כִּי תִשָּׂא" – זוכה צו זיין צו "הרמת קרן ישראל", ווייל געב נאר א קוק הייליגער טאטע אין הימל, מיר פירן זיך דאך אויף מיט א אמת'ע "אהבת ישראל", און מיר צו טיילן דאך דעם "זיך" אויף צוויי טיילן.

און עס אמת טאקע אז א "האלבע" שקל גייט טאקע פאר מיר, אבער דו דארפס'ט פארשטיין הייליגער טאטע אין הימל, אז איך טוה דאס נאר כדי אז איך זאל קענען מקיים זיין די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ "כָּמוֹךָ" בשלימות, ווייל מוז מען דאך זיך אליין אויך ליב האבן אביסל כדי צו קענען מקיים זיין די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ "כָּמוֹךָ", און ממילא וועגן דעם בלייבט טאקע א "האלבע" שקל פאר מיר, אבער די צווייטע האלב גייט דאך פאר מיין "חבר", און פארוואס..?! ווייל איך וויל מיט דעם מקיים זיין די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון "אהבת ישראל", און ממילא וועגן דעם: "עֵרֶךְ כִּי תִשָּׂא" – און ממילא וועגן דעם זענען מיר דאך שוין איינמאל ווערד דערהויבן צו ווערן.

און.. יא ר' יוד, דאס איז א יודיש קינד, אז מען געבט אוועק א האלב פון "זיך" פאר א צווייטן, ווייל נאר אויב מען איז א: "מַחֲצִית" הַשֶּׁקֶל, דעמאלט'ס איז דאס: "בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ" – דעמאלט'ס איז דאס "הייליגע" גאנצע "שקלים" וואס וועט אויף בויען דעם הייליגן בית המקדש, ווייל א "שקל" וואס איז געבויעט געווארן פון צוויי חלקים פון אמת'ע "אהבת ישראל" פון צוויי יודישע קינדער איז דאך די שענסט'ע שטיין פארן הייליגן בית המקדש וואס וועט דאך נאר געבויעט ווערן דורך אמת'ע "אהבת ישראל" שטיינער, און די "שקל" וואס איז געבויעט געווארן פון צוויי חלקים פון אמת'ע "אהבת ישראל" פון צוויי יודישע קינדער וועט דאך טאקע בקרוב אויף בויען דעם הייליגן בית המקדש השלישי.

און די סופי תיבות פון די ווערטער: "או**ר** פָּנֶי**ךָ** עָלֵינ**וּ** אָדוֹ**ן** נְשָׂ**א**" – איז דאך גימטריא: "עֵזֶר", און די סופי תיבות פון די ווערטער: "**א**וֹר **פ**ָּנֶיךָ **ע**ָלֵינוּ **א**ָדוֹן **נ**ְשָׂא" – איז דאך אויך גימטריא: "נֵר יהו-ה" [מיט א אות אל"ף], ווייל דער הייליגער אלופו של עולם זאגט, אז אויב העלפסטו ארויס מיין: "נֵר יהו-ה" נִשְׁמַת אָדָם – אויב העלפסטו ארויס מיין פאר וואגעלט'ע נשמה'לע וואס וואלגער'ט זיך שוין ארום אזוי לאנג אין דעם ביטער'ן גלות הילף לאז, ועסטו דעמאלט'ס זוכה זיין צו דעם: "אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא" – וועסטו דעמאלט'ס זוכה זיין צו דעם גרויסן אור וואס דער אייבערשטער שיינט אריין פאר א יודיש קינד וואס איז מהנה א: "יְצוּר כַּפָּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא":

# אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא..!

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).